ספר

# נעימות אליעזר

על התורה

ומועדים

# וארא

וַיָּשָׁב מֹשֶׁה אֶל יהו-ה וַיֹּאמַר יהו-ה לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה לָמָּה זֶּה שְׁלַחְתָּנִי.. וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יהו-ה: רש"י הק' זאגט, אז די סיבה פארוואס עס שטייט דא אין פסוק די ווערטער: וַיְדַבֵּר "אֱלֹקִים" אֶל מֹשֶׁה – אז דער אייבערשטער האט דא גערעדט צו משה רבינו שטרענג'ע ווערטער: בְּמִדַּת "הַדִּין" איז, ווייל משה רבינו האט זיך דאך (לפי מדריגתו) אביסעל'ע פארלוירן בשעת ווען ער האט געזעהן אז זיין גיין צו פרעה האט גורם געווען אז מען זאל נאר שווערער מאכן די ארבעט פון די יודישע קינדער אין מצרים, און ער האט טאקע דעמאלט'ס גלייך געפרעגט דעם אייבערשטן אז: "לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה" – און ער האט טאקע דעמאלט'ס גלייך געפרעגט דעם אייבערשטן אז פארוואס האסטו שלעכט'ס געטוהן פאר די יודישע קינדער מיט דעם וואס דו האסט מיר געשיקט צו פרעה איהם אָן צו ווארענען אז ער זאל ארויס שיקן די יודישע קינדער פון מצרים.

און פשוט פשט מיינט דאך די ווערטער: "לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה" צו זאגן, אז משה רבינו האט געמיינט מיט דעם צו זאגן פארן אייבערשטן, אז.. געב נאר א קוק, עס איז אמת טאקע אז די יודישע קינדער האבן טאקע ביז יעצט גע'ארבעט ביטער שווער אין דעם לאנד מצרים, אבער זיי האבן כאטשיג באקומען ארבעט'ס געצייג, ווייל מען האט דאך זיי געגעבן א יעדן איינציג'ן טאג אביסעל'ע "שטרוי" מיט וואס זיי האבן געקענט צוזאם שטעלן "ציגל" מיט דעם פאר זייער: "עבודת הפרך".

אבער יעצט.. ווען איך בין געגאנגען צו פרעה, האט דאך פרעה גלייך געמאכט א נייע געזעץ, און ער האט דאך דעמאלט'ס גלייך געזאגט פאר די מצריים אז פון היינט און ווייטער געבט מען מער נישט קיין שטרוי פאר די יודישע קינדער, ווייל געב נאר א קוק, א פָּאר יודעל'עך "משה" און "אהרן"] זענען מיר געקומען בעטן אז זיי ווילן ארויס גיין דריי טעג און דעם וויסט'ן מדבר כדי צו שעכט'ן קרבנות פאר זייער גאט, און וואס ווייזט דאס..?! דאס ווייזט דאך אז זיי זענען שוין מער נישט אויס געמוטשע'ט פון די שווערע ארבעט וואס איך האב ארויף געלייגט אויף זיי, נו אויב אזוי זאלט איר זעהן אויף צו הערן צו געבן שטרוי פאר די יודישע קינדער, כדי אז זיי זאלן אויף הערן טראכטן אזעלכע נארישקייטן.

און ממילא וועגן דעם האט משה רבינו געזאגט פארן אייבערשטן די ווערטער: "לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה", ווייל משה רבינו האט געמיינט צו זאגן מיט דעם פארן אייבערשטן, אז.. געב נאר א קוק, דאס וואס איך בין געגאנגען צו פרעה האט דאך נאר ערגער געמאכט די מצב פון די יודישע קינדער אין מצרים, און ממילא אויב אזוי: "לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה" – און ממילא אויב אזוי פארוואס האסטו שלעכט געמאכט פאר די יודישע קינדער דורך דעם וואס דו האסט מיר געשיקט צו פרעה איהם אָן צו ווארענען אז ער זאל ארויס שיקן די יודישע קינדער פון מצרים..?! און וועגן דעם זאגט אונז טאקע רש"י הק' דא אויפן פלאץ, אז וויבאלד משה רבינו האט אזוי גערעדט צום אייבערשטן, ממילא וועגן דעם האט דער אייבערשטער גלייך נאך דעם גערעדט צו איהם: "בלשון קשה ובמידת הדין", ווייל משה רבינו וואלט זיך נישט געדארפט אָן רופן אזעלכע ווערטער צום אייבערשטן.

אבער לכאורה איז דאך שווער א מורא'דיגע קשיא, ווייל משה רבינו איז דאך למעשה גערעכט געווען מיט זיין טענה פון: "לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה", ווייל דאס אז ער איז געגאנגען צו פרעה האט דאך למעשה טאקע ערגער געמאכט די מצב פון די יודישע קינדער אין מצרים, ווייל דאס וואס משה רבינו איז געגאנגען צו פרעה איהם צו בעטן אז ער זאל ארויס שיקן די יודישע קינדער פון מצרים האט דאך למעשה טאקע גורם געווען אז מען זאל אויף הערן צו געבן "שטרוי" פאר די יודישע קינדער אין מצרים מיט וואס זיי זאלן

קענען מאכן "ציגל" פאר זייער שווערע ארבעט, און ממילא וועגן דעם דארף מען דאך לכאורה פארשטיין, אז פארוואס האט דער אייבערשטער גלייך נאך דעם גערעדט צו משה רבינו: "בלשון קשה ובמידת הדין", משה רבינו האט דאך דא למעשה געזאגט א אמת'ע נקודה, אז וואס..?! אז זיין גיין צו פרעה האט דאך נאר ערגער געמאכט די מצב פון די יודישע קינדער אין מצרים, ניין..?!

אבער די תירוץ אויף דעם איז, אז די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט דא גערעדט צו משה רבינו: "בלשון קשה ובמידת הדין" איז געווען, ווייל דער אייבערשטער האט דא געוואלט אויס לערנען פאר משה רבינו, אז עס קען טאקע זיין אז עס זעהט דיר אויס אז דיין גיין האט נאר ערגער געמאכט די מצב פון די יודישע קינדער אין מצרים, אבער דו זאלסט וויסן משה, אז: אֲנִי "יהו-ה" – אז איך בין דער אייבערשטער וואס פירט זיך שטענדיג מיט די יודישע קינדער: בְּמִדַּת "הַחֶסֶד" וּבְמִדַּת "הָרַחֲמִים", ווייל עס ווערט דאך שוין בפירוש געברענגט אין חז"ל, אז די שם: "יהו-ה" איז דאך רומז אויף: מִדַּת "הַחֶסֶד" און אויף: מִדַּת "הָרַחֲמִים", און דער אייבערשטער האט דא ווייטער געזאגט פאר משה רבינו, אז הער מיר גוט צו משה, איך זאג דיר קלאר משה, אז אפילו אויב דו וואלס'ט נישט געגאנגען צו פרעה, וואלט אבער פרעה נאך אלץ גוזר געווען אויף די יודישע קינדער אז מען זאל זיי מער נישט געבן קיין "שטרוי" פאר זייער ארבעט.

און דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, אז דאס איז טאקע געווען דיין נסיון משה, דיין נסיון איז געווען, אז דו זאלסט זעהן מיט דיינע אייגענ'ע אויגן ווי "דיין גיין" האט נאר ערגער געמאכט די מצב פון די יודישע קינדער אין מצרים, און אפילו אזוי זאלסטו אבער נאך אלץ בלייבן שטיל און גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז: "מֵאִתּוֹ לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת" – אז דער אייבערשטער טוט קיינמאל נישט קיין שלעכט'ס פאר קיין שום יודיש קינד, ווייל אין יעדע זאך ליגט דאך באהאלטן א באהאלטענ'ע: "חֶסֶד" פון דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב", און נישט אלעמאל קענען מיר זעהן די טובה וואס ליגט באהאלטן אין די אלע זאכן וואס פאסירן צו אונז טאג טעגליך, אבער מיר דארפן אבער ווייטער פראבירן צו לעבן מיט: "אֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אין דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב", און מיר דארפן ווייטער זעהן צו גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז: "כל דרחמנא עביד" איז זיכער נאר: "לטב עביד".

און ממילא דאס איז פשט אין דעם פסוק פון: "וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה" וגו', ווייל די פסוק וויל אונז דא זאגן, אז דו ווייסט פארוואס: "וַיְדַבֵּר" – דו ווייסט פארוואס דער אייבערשטער האט דא גערעדט צו משה רבינו "בלשון קשה" [טראץ דעם וואס עס זעהט אויס אז משה רבינו האט געהאט א גערעכט'ע טענה מיט דאס וואס ער האט דא גע'טענה'ט פאר'ן אייבערשטן אז זיין גיין האט נאר ערגער געמאכט די מצב פון זיינע יודישע ברודער אין מצרים]..?! ווייל דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, אז די ענין פון: "אֱלֹקִים" – די ענין פון: מִדַּת "הַדִּין".. קען גאר אסאך מאל אויס זעהן: "אֶל מֹשֶׁה" – פון אויבן אויף: "לְפָנִים" ווי: מִדַּת "הַדִּין", אבער: "וַיֹּאמֶר אֵלָיו" – אבער וויסן זאלסטו טייערע משה רבינו, אז: "אֲנִי יהו-ה" – אז אין א יעדע ריר ליגט שטענדיג באהאלטן מיין עצם עצמיות, און דאס איז, מיין הייליגע שם: "יהו-ה" – דאס איז מיין הייליגע: מִדַּת "הָרַחֲמִים" וואס האט דאך נישט קיין שום: "סוֹף וָקֵץ".

און די סארט עבודה האט דער אייבערשטער פארלאנגט דא פון משה רבינו, אז טראץ דעם וואס ער האט דא געזעהן מיט זיינע אייגענ'ע אויגן ווי ער האט נאר "ערגער" געמאכט די מצב פון די יודישע קינדער אין מצרים מיט זיין גיין צו פרעה, וואלט ער אבער נאך אלץ נישט געמעגט טראכטן אז דער אייבערשטער האט ח"ו שלעכט געמאכט פאר די יודישע קינדער, נאר ער וואלט געדארפט ווייטער גלייבן מיט גאר א שטארקע: "אֱמוּנָה", אז דאס וואס די יודישע קינדער האבן אויף געהערט צו באקומען "שטרוי" פאר זייער ארבעט.. וואלט דאך סיי ווי סיי געשעהן, און אפילו ער וואלט נישט געגאנגען צו פרעה בעטן אז די יודישע קינדער ווילן ארויס גיין שעכט'ן אין דעם מדבר, וואלט אבער נאך אלץ געשעהן די גזירה פון: "לֹא תֹאסִפוּן לָתֵת תֶּבֶן" – אז מען וועט מער נישט געבן קיין שטרוי פאר די יודישע קינדער אין מצרים, ווייל די גזירה פון: "לֹא תֹאסִפוּן לָתֵת תֶּבֶן" איז דאך געווען א גזירה מן השמים, און וויבאלד משה רבינו

איז איבער געגומען געווארן פון דיווערטער וואס די יודישע קינדער האבן גע'טענה'ט צו איהם אז ער מיט אהרן הכהן האבן גורם געווען די גאנצע פריש'ע גזירה וואס פרעה האט דא יעצט געמאכט אז: "לֹא תֹאסִפוּן לָתֵת תֶּבֶן", און משה רבינו איז טאקע שפעטער צוריק געגאנגען צום אייבערשטן און געזאגט פארן אייבערשטן אז: "לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה" – און משה רבינו איז טאקע שפעטער צוריק געגאנגען צום אייבערשטן און געזאגט פארן אייבערשטן אז פארוואס האסטו שלעכט'ס געטוהן פאר די יודישע קינדער מיט דעם וואס דו האסט מיר געשיקט צו פרעה איהם צו בעטן אז ער זאל ארויס שיקן די יודישע קינדער פון מצרים, ממילא וועגן דעם איז נגזר געווארן אויף איהם אז ער וועט נישט קענען אריין גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

און דער אייבערשטער האט זיך דא אָן גערופן צו משה רבינו און געזאגט אזוי, אז: "הרהרת על מדותי" – אז דו האסט דאך נאך געטראכט נאך מיינע וועגן, און דו האסט זיך דאך נישט אויף געפירט ווי דיינע עלטערן אברהם יצחק און יעקב וואס האבן שטענדיג געלעבט מיט א ריינע: "אֱמוּנָה" אז איך טוה זיי נאר גוט'ס, און אפילו ווען זיי האבן געזעהן מיט זייערע אייגענ'ע אויגן אז עס ווערט נאר ערגער די מצב, האבן זיי אבער קיינמאל נישט פארלוירן זייער הייליגע: "אֱמוּנָה" אין מיר, נאר זיי האבן שטענדיג געטראכט, אז.. איך ווייס נישט פון גארנישט, עס מוז זיין אז: "כל דרחמנא עביד לטב עביד" – עס מוז זיין אז דער אייבערשטער טוט שטענדיג נאר גוט'ס פאר זיינע טייערע יודישע קינדער.

און ממילא וועגן דעם האט זיך דער אייבערשטער דא אָן גערופן צו משה רבינו און געזאגט פאר משה רבינו, אז: "עַתָּה" תִרְאֶה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה לְפַרְעֹה – אז נאר "יעצט" וועסטו דער לעבן צו זעהן וואס איך גיי דא טוהן פאר פרעה, אבער: "ולא העשוי למלכי שבעה אומות" – אבער דו וועסט נישט זוכה זיין צו זעהן ווי אזוי די יודישע קינדער וועלן פאר טרייבן די זיבן פעלקער פון: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" און ירשנ'ען דעם הייליגן לאנד: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", איי.. פארוואס נישט..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל דו האסט מהרהר געווען נאך מיינע וועגן.

און מיט דעם האט זיך משה רבינו אויס געלערנט [לפי רוב קדושתו], אז א יודיש קינד דארף שטענדיג לעבן מיט א שטארקע טיפע ריינע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן באשעפער, און אפילו ווען ער זעהט גארנישט, און עס איהם שווארץ און פינסטער, דארף ער אבער נאך אלץ גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז: "כל דרחמנא עביד" איז זיכער נאר: "לטב עביד", און ער דארף שטענדיג גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז דער אייבערשטער טוט איהם נאר גוט'ס, און אפילו ווען ער זעהט מיט זיינע אייגענ'ע אויגן ווי עס גייט איהם שלעכט, טאר אבער נאך אלץ נישט פארלירן זיין ריינע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן באשעפער, נאר ער דארף שטענדיג טראכטן, אז: "נסתרים דרכי יהו-ה" – אז די וועגן פון דעם אייבערשטן זענען באהאלטן, און מיר קענען נישט אלעמאל זוכה זיין צו זעהן מיט אונזערע אייגענ'ע אויגן די גרויסע: "חֶסֶד" וואס ליגט באהאלטן אין אלע זאכן וואס פאסירן צו אונז טאג טעגליך.

אבער אין אמת'ן.. ליגט דאך שטענדיג באהאלטן אין אלע וועגן פון דעם הייליגן באשעפער דעם: "אֲנִי יהו-ה" – אבער אין אמת'ן.. ליגט דאך שטענדיג באהאלטן אין אלע וועגן פון דעם הייליגן באשעפער זיין הייליגע שם: "יהו-ה" וואס איז דאך איין שטיק: מִדַּת "הַחֶסֶד" און: מִדַּת "הָרַחֲמִים", איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז ווי אזוי קען איך טאקע צו קומען צו שפירן אז אלע וועגן פון דעם הייליגן באשעפער זענען טאקע בלויז: "אֲנִי יהו-ה" – ווי אזוי קען איך טאקע צו קומען צו שפירן אז אלע וועגן פון דעם הייליגן באשעפער זענען טאקע בלויז: "כל כולו חסד מתחילה ועד סוף"..?!

די תירוץ אויף דעם איז, אז דו ווייסט ווי אזוי דו קענסט צו קומען צו איין דערקענען אז אלע וועגן פון דעם הייליגן באשעפער זענען טאקע בלויז: "כל כולו חסד מתחילה ועד סוף"..?! דו קענסט צו קומען צו דעם דורך די ענין פון: "וָאֵרָא", וואס איז: "וָאֵרָא"..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז די ווארט: "וָאֵרָא" – באטרעפט דאך צוויי מאל די ווארט: "אֱמוּנָה" [מיט די צוויי ווערטער], ווייל דאס קומט צו ווייזן פאר א

יודיש קינד, אז אויב דו ווילס'ט צו קומען צו שפירן אז אלע וועגן פון דעם הייליגן באשעפער זענען טאקע בלויז: "כל כולו חסד מתחילה ועד סוף", דעמאלט'ס דארפסטו זעהן צו ארבעטן אויף דיין: "אֱמוּנָה", און דו דארפס'ט זעהן צו האבן: "אֱמוּנָה" אין דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" סיי אין א גוטע מצב, און סיי אין א שווערע מצב, און דאס איז די איינציג'סטע עצה ווי אזוי א מענטש קען זוכה זיין צו שפירן אויף די אייגענ'ע ביינער די חסדים פון דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב".

ווייל אויב א מענטש גלייבט טאקע באמת אז: "ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם", און ער גלייבט טאקע באמת אין די הייליגע "השגחה עליונה" וואס פירט איהם שטענדיג בכל פרט ופרט, דעמאלט'ס קען טאקע שפעטער צו קומען צו שפירן דעם: "אֲנִי יהו-ה" אויף די אייגענ'ע ביינער.

און די ווארט: "וָאֵרָא" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "אֲנִי רִאשׁוֹן וַאֲנִי אַחֲרוֹן", און דאס איז דאך ווייטער די געדאנק פון אריין קאכן די ריינע: "אֱמוּנָה" אין די הארץ פון א יודיש קינד, און געדענקען, אז דער: "אֲנִי רִאשׁוֹן וַאֲנִי אַחֲרוֹן" פירט מיין גאנצע לעבן, און ער איז דער איינציגסט'ער וואס האט א כח משפיע צו זיין: "הַשְׁפָּעוֹת חֲסָדִים וְרַחֲמִים עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל", און אָן זיין כח ההשפעה וואלטן מיר גארנישט געהאט, ווייל: "כִּי עַל כָּל מוֹצָא פִי יהו-ה יִחְיֶה הָאָדָם", און אָן איהם וואלטן מיר דאך נישט געקענט עקזעסטירן בכלל.

און די ווארט: "וָאֵרָא" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "בְּדֹק אֱמוּנָה" – זיי בודק דיין ריינע: "אֱמוּנָה" אויב דאס איז טאקע ווי עס דארף צו זיין, ווייל אויב: "וָאֵרָא" – ווייל אויב ווילסטו זוכה זיין צו: "הִתְגַּלּוּת כְּבוֹד יהו-ה", און דו ווילס'ט זוכה זיין צו זעהן דעם אייבערשטן אויף יעדן טריט און שריט, און דו ווילס'ט זוכה זיין צו זעהן דעם: "אֲנִי יהו-ה" – און דו ווילס'ט זוכה זיין צו זעהן די חסדים פון דעם אייבערשטן, דעמאלט'ס: "בְּדֹק אֱמוּנָה" – דעמאלט'ס זיי בודק דיין ריינע: "אֱמוּנָה" אויב דאס איז טאקע ווי עס דארף צו זיין.

אבער עס איז אמת טאקע אז אסאך מאל זענען די וועגן פון דעם אייבערשטן גאר גאר שטארק באהאלטן, ממש: "הסתרה שבתוך ההסתרה" – באהאלטן אין א באהאלטנ'קייט, אבער אפילו אזוי טארן מיר אבער נאך אלץ נישט פארלירן אונזער הייליגע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", נאר מיר דארפן ווייטער שרייען מיט פארמאכט'ע אויגן אז: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יהו-ה אֱלֹקֵינוּ יהו-ה אֶחָד", און מיר דארפן ווייטער שרייען מיט פארמאכט'ע אויגן אז איך פארליר קיינמאל נישט מיין ריינע: "אֱמוּנָה" אין דיר הייליגער גרויסער טאטע אין הימל, איי.. איך פארשטיי נישט וואס דא גייט פָּאר..?! אבער די תירוץ אויף דעם איז, אז איך דארף נישט פארשטיין, נאר איך דארף לעבן מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם גוט'ן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" – איך דארף לעבן מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם גוט'ן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" וואס טוט שטענדיג נאר גוט'ס פאר זיינע טייערע ליכטיגע קינדער.

און די ווארט: "וָאֵרָא" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "בּוֹר" – א גרוב, ווייל יא ר' יוד, אפילו אויב דו זעהס'ט זיך טיף אין דעם טיפעניש'ן פון דעם גרוב, און דו ביזט שוין ממש טיף אין דיר ערד, קענסטו זיך אבער נאך אלץ שטארקן מיט די הייליגע: "אֱמוּנָה" פון: "אֲנִי רִאשׁוֹן וַאֲנִי אַחֲרוֹן" אין דעם גרויסן ליכטיג'ן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" וואס טוט דאך נישט קיין שום שלעכט'ס פאר קיינעם, ווייל: "מֵאִתּוֹ לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת" – ווייל פון דעם אייבערשטן גייט דאך קיינמאל נישט ארויס קיין שום שלעכטע זאך, און דער אייבערשטער איז דאך א: "אֵ-ל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל", און ער טוט דאך נישט קיין שום עוולה'ס פאר קיינעם, נאר: "צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא" – נאר דער אייבערשטער איז א גערעכט'ער און א גלייכער גאט, און ממילא וועגן דעם איז דאך זיכער אז: "צַדִּיק יהו-ה בְּכָל דְּרָכָיו", און די אלע זאכן וואס האבן פאסירט צו מיר זענען דאך זיכער איין שטיק: "חֶסֶד" פון דעם גרויסן: "הַגּוֹמֵל חֲסָדִים טוֹבִים לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל", און.. יא, אפילו אזא איינער וואס געפונט זיך נעבעך אין אזא טיפע גרוב קען אויך זוכה זיין צו לעבן מיט: "אֱמוּנָה" און:

"בִּטָחוֹן" אין דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" וואס טוט שטענדיג נאר גוט'ס פאר זיינע טייערע ליכטיגע קינדער.

און דאס איז דאך טאקע די גרעסטע: "מַלְכוּת" פון דעם אייבערשטן, אז ער געבט צו עסן פאר זיינע קינדערלעך מיט "רחמנות", ווייל די אמת איז דאך, אז דער אייבערשטער וואלט דאך פונקט אזוי געקענט מאכן אז מיר זאלן טאקע אלע עסן צו די זעט, אבער דאס איז עס, און ביי דעם האט זיך עס גע'ענדיגט, אבער.. ניין, דער אייבערשטער האט געמאכט א נייע סארט זאך, און די נייע סארט זאך איז, אז די עסן וואס מיר עסן האט גאר א געשמאקע טעם, און עס איז געשמאק און נארהאפטיג.

און דאס איז דאך טאקע איינער פון די גאר גרויסע חסדים פון אונער גרויסער: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב", אז די עסן וואס מיר עסן האט פשוט א געשמאקע טעם, און דאס איז דאך טאקע די שיינ'קייט פון דעם אייבערשטנ'ס: "מַלְכוּת", אז מיר קענען שפירן [בדרך כלל] שפירן די טובות וואס דער אייבערשטער געבט אונז, ווי למשל.. ביים עסן, ווייל עס איז אמת טאקע אז די עסן האלט טאקע דעם מענטש ביים לעבן, אבער פון די אנדערע זייט האט דאך אבער די עסן אויך גאר א געשמאקע טעם.

און דאס איז דאך טאקע די שיינ'קייט פון דעם אייבערשטנ'ס: "מַלְכוּת", אז וואס..?! אז ער געבט אונז צו עסן: "לקיום הגוף" – כדי אז מיר זאלן קענען אָן גיין מיטן לעבן, און מיר זאלן נישט שטארבן ח"ו, און חוץ פון דעם.. געבט ער אונז אויך צו א געשמאקע טעם אין דעם עסן, און ממילא קומט דאך אויס פון דעם אזוי, אז די: "חֶסֶד" פון אונזער גרויסער: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" איז א דאפעלט'ע: "חֶסֶד":

1) אז מיר עסן טאקע צו די זעט: "לקיום הגוף".

2) און אז מיר קענען אויך הנאה האבן בשעת מעשה פון די געשמאקע עסן וואס דער אייבערשטער האט אונז דא געגעבן אויף דער וועלט.

און.. יא, דאס איז די: "מַלְכוּת" פון דעם אייבערשטן, "חסדים" איין געוויקל'ט אין "חסדים", און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם ווארט: "מַלְכוּת", ווייל די ווארט: "מַלְכוּת" – איז דאך ראשי תיבות: "וְאֶת כָּל מִינֵי תְּבוּאָתָהּ לְטוֹבָה", ווייל.. יא, די חסדים פון דעם אייבערשטן איז דאך א דאפעלט'ע: "חֶסֶד":

1) אז ער געבט אונז פשוט: "מִינֵי תְּבוּאָתָהּ" – אז ער געבט אונז פשוט צו עסן, כדי אז מיר זאלן חלילה וחס נישט אויס גיין פאר הונגער, און די ווערטער: "מִינֵי תְּבוּאָתָהּ" – איז דאך ראשי תיבות: "מֵת", ווייל אָן די: "מִינֵי תְּבוּאָתָהּ" וואס דער אייבערשטער געבט אונז דא צו עסן אויף דער וועלט, קענען מיר דאך חלילה וחס שטארבן פון הונגער.

2) אז עס איז נישט סתם: "מִינֵי תְּבוּאָתָהּ", נאר עס איז אויך: "לְטוֹבָה" – די עסן וואס מיר עסן דא אויף דער וועלט איז אויך צום גוט'ן, און די עסן וואס מיר עסן דא אויף דער וועלט איז אויך גוט און געשמאק און נארהאפטיג.

און עס איז דאך דא נאך חסדים פון דעם אייבערשטן וואס ליגט באהאלטן אין אונזער עסן וואס מיר עסן טאג טעגליך, ווייל דער אייבערשטער וואלט דאך פונקט אזוי געקענט מאכן אז די עסן פון א מענטש זאל קומען אויף א פארשעמט'ע אופן [פונקט אזוי ווי די בהמה וואס באקומט איר עסן בדרך בזיון], אבער.. ניין, דער אייבערשטער האט נישט געמאכט אזוי, נאר דער אייבערשטער האט געמאכט אז די עסן פון א מענטש זאל קומען אויף א מלכות'דיגע אופן, און דער אייבערשטער האט געמאכט אז די עסן פון א מענטש זאל קומען שיין און ריין און מלכות'דיג צו גע'גרייט אויף א שיינע טעלער, און דאס איז דאך טאקע איינער פון די טיפע כוונות פון די ווערטער: "וְאֶת כָּל מִינֵי תְּבוּאָתָהּ לְטוֹבָה" – אז מיר באקומען אונזער עסן: "לקיום הגוף" מלכות'דיג – "בדרך כבוד", און נישט אזוי ווי א בהמה וואס באקומט איר עסן אויף דער

ערד, נאר מיר באקומען דאס עסן מיט א ריינ'קייט, און מיט א שיינ'קייט, און מיט א בא'טעמ'ט קייט, אבער דאס אלעס איז בדרך כלל.

אבער וואס טוט מען ווען א מענטש הייבט אמאל אָן צו שפירן א דיק'ע: "הֶסְתֵּר" ארום זיך, און ער הערט דעמאלט'ס אויף צו שפירן די חסדים פון דעם אייבערשטן..?! וואס טוט מען דעמאלט'ס..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז מען דארף זיך דעמאלט'ס דערמאנען פון די אלע: "חסדים שבתוך החסדים" וואס מיר באקומען א יעדן איינציג'ן טאג פון דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב", און מען דארף דעמאלט'ס פראבירן צו שטארקן די הייליגע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב", און מען דארף דעמאלט'ס זאגן אזוי, אז דער זעלבע באשעפער וואס האט געטוהן מיט מיר די אלע וואונדערליכ'ע חסדים, האט דאך זיכער אויך יעצט באהאלטן זיין גרויסע: "חֶסֶד" אין דעם דיק'ן וואלקן וואס איך זעה דא יעצט, און די אלע זאכן וואס גייען דא א דורך אויף מיר איז דאך זיכער אויס דרוק'לעך: "אַךְ וְרַק לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה".

און אזוי דארף לעבן א ערליכע יוד, א ערליכע יוד דארף לעבן מיט א ריינע: "אֱמוּנָה" אין דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" אפילו ווען ער זעהט מיט זיינע אייגענ'ע אויגן אז עס פאסירט איהם ח"ו עפעס א צרה, ווייל א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג געדענקען, אז: "אֱלֹקִים" – אז די: מִדַּת "הַדִּין" קען גאר אסאך מאל אויס זעהן: "אֶל מֹשֶׁה" – פון אויבן אויף.. ווי: "דִּין", אבער: "וַיֹּאמֶר אֵלָיו" – אבער א מענטש דארף דאך אבער שטענדיג קענען זאגן פאר זיך אליין, אז: "אֲנִי יהו-ה" – אז אין אמת'ן איז דאך דער אייבערשטער שטענדיג: "מָלֵא הַשְׁפָּעוֹת חֲסָדִים וְרַחֲמִים" וואס ער שיקט שטענדיג: "עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל".

און דו דארפס'ט זעהן אריין צו קאכן אין דיין יודישע הארץ די ריינע: "אֱמוּנָה" אז דער הייליגער: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" טוט נאר גוט'ס פאר זיינע באשעפעניש'ן, און דו דארפס'ט זעהן צו לעבן מיט דעם, און דו דארפס'ט זיין משועבד צו דיין הייליגע: "אֱמוּנָה", און דו טארס'ט זיך נישט אוועק רירן פון דעם קיין: "זוז כל שהוא", ווייל דאס איז דאך דיין נסיון אין דיין יעצטיגע שווערקייט, אז דו זאלסט זיך האלטן מיט דיין ריינע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" טראץ דעם וואס עס גייט אריבער אויף דיר כל מיני שווערקייטן מיט שווערע מצבים קשים ומרים.

און די ווארט: "וָאֵרָא" – איז דאך טאקע גימטריא: "עֶבֶד לֶאֱמוּנָה", ווייל.. יא, א מענטש דארף זיין א קנעכט פאר זיין הייליגע: "אֱמוּנָה", און א מענטש טאר זיך נישט אוועק רירן פון זיין הייליגע: "אֱמוּנָה" טראץ דעם וואס ער איז אונטער דרוק אין א שווער'ן מצב אין לעבן, און א מענטש דארף זיך כסדר פראבירן מחזק צו זיין מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" אז דאס איז אלעס: "כל כולו חסד מתחילה ועד סוף", און דו דארפס'ט דאס אריין קאכן אין דיר אזוי לאנג ביז ווען: לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֵין "כַּיהו-ה" אֱלֹקֵינוּ:

וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יהו-ה.. וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב וגו': די הייליגע גמרא פארציילט, אז: "אַחֵר" האט אמאל געהערט א בת קול וואס האט אויס גערופן הויעך, אז: "שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים חוּץ מֵאַחֵר" – אז א יעדער איינער קען תשובה טוהן, חוץ פון איין מענטש, און דער מענטש איז: "אַחֵר", און: "אַחֵר" איז טאקע למעשה אוועק געפאלן פון יודיש'קייט, ווייל ער האט דאך אליין געהערט א קלאר'ע בת קול אז ער קען שוין נישט תשובה טוהן, אבער אין אמת'ן.. איז דאס נאר געווען א "נסיון" פאר איהם, ווייל דער אייבערשטער האט דעמאלט'ס געוואלט זעהן אויב ער וועט זיך קענען האלטן מיט זיין ריינע: "אֱמוּנָה" טראץ דעם וואס ער וועט הערן א קלאר'ע בת קול פון הימל אז ער קען שוין נישט תשובה טוהן און אז דער אייבערשטער דארף איהם שוין נישט האבן.

און די אמת איז דאך, אז מיר האבן דאך אלע טאג טעגליך די נסיון פון: "אַחֵר", און מיר דארפן טאקע אלע גוט געדענקען, אז דאס איז נאר א "נסיון", און אפילו אויב א יעדער איינער זאגט מיר בפה אחד אז איך בין גארנישט ווערד, און אז דער אייבערשטער הערט שוין סיי ווי סיי נישט אויס דיינע תפילות ח"ו, וועל

איך זיך אבער נאך אלץ נישט פארלירן, נאר איך וועל נאך אמאל צוריק לויפן צו די שויס פון מיין הייליגן טאטן אין הימל, און איך וועל איהם נאך אמאל בעטן אז ער זאל מיר צוריק נעמען צו זיך אין שויס, ווייל: "כִּי יְמִינְךָ פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל שָׁבִים", און איך וועל נאך אמאל בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל שוין רחמנות האבן אויף מיר, און איך וועל נאך אמאל מוטשעֵ'נען דעם אייבערשטן אז ער זאל מיר שוין העלפן זיין א ערליכע יוד.

אבער ווען מען קומט שוין אָן צו די צווייטע וואך פון שובבי"ם, און א יעדער איינער האט זיך דאך שוין גענומען צו זיין הייליגע עבודה פון די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים", דעמאלט'ס קען אמאל איין פאלן פאר א מענטש אזא מחשבה פון: "אַחֵר", און א מענטש קען זיך דעמאלט'ס נעמען טראכטן, אז.. פארוואס טוה איך בכלל תשובה יעצט..?! איך בין דאך שוין סיי ווי סיי דערנאך, ווייל איך האב דאך שוין עובר געווען אויף אזוי פיל הארבע עבירות..?! און ממילא פארוואס מאך איך זיך נאריש דא..?!

און דא דארף א מענטש קענען נוצן זיין שטארקייט און זיך שטארקן אנקעגן דעם מחשבה פון דעם: "אַחֵר" – און דא דארף א מענטש קענען נוצן זיין שטארקייט און זיך שטארקן אנקעגן דעם מחשבה פון די "סטרא אחרא" וואס פראבירט איהם אראפ צוווארפן פון זיין עליה אין עבודת השם יתברך, און א מענטש טאר נישט מיינען ח"ו אז די יצר הרע איז זיך געבליבן שלאפן אין זיין ווינקל ווען ער האט געהערט אז עס האט זיך אָן געהויבן די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים", ניין ניין ניין, עס הייבט זיך נישט אָן, נאר די יצר הרע ארבעט ווייטער פעלזן פעסט, און ער פראבירט ווייטער אראפ צו ווארפן א יעדע יודיש קינד פון זיינע אלע עליות אין עבודת השם יתברך.

און ממילא ווען מען קומט שוין אָן צו די צווייטע וואך פון שובבי"ם וואס א יעדער איינער האלט שוין דעמאלט'ס טיף אינמיטן זיינע הייליגע: "עֲבֹדַת יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים", קען זיך דעמאלט'ס אמאל אריין רוקן דער שלעכט'ער יצר הרע, און ער קען דעמאלט'ס אָן הייבן צו זאגן פאר א מענטש, אז וואס טוסטו..?! דו מיינס'ט טאקע אז די: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים" זענען געמאכט פאר אזעלכע גרויסע רשעים ווי דיר..?! דו ביזט דאך שוין סיי ווי סיי דערנאך, ווייל דו האסט נישט געהערט..?! די בת קול האט דאך אויס גערופן הויעך אז: "שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים חוּץ מֵאַחֵר" – די בת קול האט דאך אויס גערופן אז א יעדער איינער קען תשובה טוהן חוץ פון אזא איינער וואס געהערט צו: "אַחֵר" – חוץ פון אזא איינער וואס געהערט צו די "סטרא אחרא", און דו ביזט דאך שוין אזא גרויסע בעל עבירה, עד כדי כך אז ממש.. דו ווייקס'ט זיך שוין אין דיינע עבירות, און אויב דו ביזט שוין אזא גרויסע בעל עבירה, דעמאלט'ס קענסטו דאך שוין מער נישט תשובה טוהן, ווייל די בת קול האט דאך קלאר געזאגט, אז: "שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים חוּץ מֵאַחֵר" – אז א יעדער איינער קען תשובה טוהן חוץ פון אזא איינער וואס געהערט צו: "אַחֵר" – צו די "סטרא אחרא".

און אויב דו קענסט דאך שוין סיי ווי סיי נישט תשובה טוהן, דעמאלט'ס פארוואס מאכסטו זיך נאריש מיט דיינע נאריש'ע עבודות אין די: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים"..?! עס איז דאך בכלל נישט געמאכט פאר דיר..?! נאר די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים" זענען געמאכט פאר א אנדער'ן, אבער על כל פנים "נישט פאר דיר", און.. יא, דאס איז די יצר הרע פון דעם: "אַחֵר", די יצר הרע פון דעם: "אַחֵר" האלט דיר און איין זאגן אז נע.. די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים" זענען נישט געמאכט פאר אזא פראסטע מענטש ווי דיר, נאר די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים" זענען געמאכט פאר "אנדערע" סארטן מענטשן.

און.. יא, דאס זאגט דער יצר הרע פאר א מענטש ווען עס קומט אָן די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים", ווייל דער יצר הרע קען דאך נישט צו לאזן אז א יודיש קינד זאל ווערן נענטער צום הייליגן באשעפער און צו זיין הייליגער תורה הק', און ממילא וועגן דעם פאר לייגט זיך דער יצר הרע גאר גאר שטארק אין די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים" אריין צו ווארפן דעם מענטש אין גאר א טיפע: "יִאוּשׁ", ווייל דאס איז דאך די איינציג'סטע וועג ווי אזוי ער וועט קענען אפ האלטן דעם יוד אז ער זאל זיך נישט צוריק מדבק זיין אין דעם הייליגן באשעפער און אין זיין הייליגער תורה הק', אבער א מענטש טאר זיך נישט לאזן פון דעם יצר

הרע, נאר א מענטש דארף זיך דעמאלט'ס אָן רופן צו דעם יצר הרע און איהם זאגן, אז.. ניין יצר הרע, דו ביזט נישט גערעכט, ווייל עס איז דאך נישט דא אזא זאך אז א יודיש קינד קען נישט תשובה טוהן..!

און מיט דעם וואס דו זאגס'ט מיר אז עס איז דאך ארויס געגאנגען א קלאר'ע בת קול אז איך קען שוין נישט תשובה טוהן.. ביזטו דאך אויך נישט גערעכט, ווייל עס ווערט דאך שוין בפירוש גע'פסקנ'ט להלכה אז: "אין משגיחין בבת קול" – ווייל עס ווערט דאך שוין בפירוש גע'פסקנ'ט להלכה אז מען רעכנט זיך נישט מיט קיין בת קול וואס גייט ארויס פון הימל.

איי.. ווען\u0081טו אבער פרעגן, אז עס איז דאך למעשה סוף כל סוף ארויס געגאנגען אזא בת קול, און ממילא איך פארשטיי נישט, איז דאס דען ארויס געגאנגען אומזיסט..?! אבער די תירוץ אויף דעם איז, אז.. ניין, די בת קול איז שוין גארנישט ארויס געגאנגען אומזיסט, ווייל די בת קול איז דאך געווען א פשוט'ע נסיון פאר מיר, און די בת קול איז נאר ארויס געגאנגען כדי אז איך זאל הערן קלאר מיט מיינע אייגענ'ע אויער'ן אז איך בין דאך שוין סיי ווי סיי דערנאך, און אז איך קען שוין נישט תשובה טוהן, אבער אפילו אזוי זאל איך אבער נאך אלץ נישט אפ לאזן דעם אייבערשטן, נאר פארקערט, איך וועל נאך אמאל צוריק לויפן צום אייבערשטן, און איך וועל נאך אמאל בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל מיר העלפן, און איך וועל נאך אמאל מוטשע'נען דעם אייבערשטן אז ער זאל מיר העלפן זיין א ערליכע יוד, ווייל די ווערטער אז "איך בין שוין דערנאך" איז דאך א פשוט'ע יצר הרע וואס פארגינט מיר נישט אז איך בין עוסק אין עבודת השם יתברך אין אזעלכע הייליגע הויעכ'ע טעג ווי די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע מרומז אין די ווערטער פון: "וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יהו-ה.. וָאֵרָא" וגו', ווייל די ווארט: "וָאֵרָא" – באטרעפט דאך: "צוויי הונדערט און אכט", און די ווארט: "אַחֵר" – באטרעפט דאך אויך: "צוויי הונדערט און אכט" [מיטן כולל], ווייל: "וַיֹּאמֶר אֵלָיו" – ווייל דער אייבערשטער זאגט דא פאר א יודיש קינד אזוי, אז: "אֲנִי יהו-ה" – אז איך בין: "נאמן לשלם שכר" – איך בין באגלייבט דיר צו באצאלן שכר, און דו ווייסט פארוואס איך גיי דיר באצאלן אסאך שכר..?!

ווייל: "וָאֵרָא" – ווייל דו האסט דאך דעם נסיון פון: "אַחֵר", און: "וָאֵרָא" – דער: "אַחֵר" באווייזט זיך דאך שטענדיג פאר דיר, און ער פראבירט דיר דאך כסדר אראפ צו ווארפן פון דיין הויעכ'ן עליה אין עבודת השם יתברך, און טאקע ווייבאלד דו האלטס'ט זיך שטארק אנטקעגן דעם שווער'ן יצר הרע פון: "אַחֵר" וואס האלט דיר און איין זאגן אז דו ביזט דאך שוין סיי ווי סיי דערנאך.. טאקע דערפאר איז: "אֲנִי יהו-ה" – טאקע דערפאר בין איך: "נאמן לשלם שכר", און איך וועל דיר טאקע באצאלן גאר א גרויסע שכר פאר דיין שווערע מלחמה וואס דו פירס'ט מיט דיינע אלע שווערע נסיונות וואס דער: "אַחֵר" שטעלט דיר פָאר.

ווייל דאס איז דאך טאקע די גאנצע "יסוד" פון די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים", אז א מענטש זאל נישט קוקען וואס ער איז, און ווי ווייט ער איז פון דעם אייבערשטן, נאר טוה גוטע זאכן, טוה גוטע זאכן, און כאפ אריין נאך א דבר טוב, און טוה נאך עפעס פארן אייבערשטנ'ס וועגן, און הער נישט אויף צו טוהן, ווייל אויב שטעלט מען זיך אפ אויס הערן וואס דער יצר הרע האט דיר פָאר צו לייגן, דעמאלט'ס קען דיר דאך נאך דער יצר הרע אראפ ווארפן אין איין אויגן בליק מיט זיינע נאריש'ע חשבונות פון דעם: "אַחֵר".

אבער אויב א מענטש איז ח"ו יא אריין געפאלן אין דעם נסיון פון דעם: "אַחֵר", און ער זעהט פלוצלונג פאר זיך, אז: "וָאֵרָא" – און ער זעהט פלוצלונג פאר זיך, אז.. געב נאר א קוק, דער: "אַחֵר" האט זיך דא באוויזן פאר מיר, דארף ער דעמאלט'ס קענען געבן איין שטארקן קלאפ פאר דעם יצר הרע מיט די ווערטער פון: "אין משגיחין בבת קול", און ער דארף דעמאלט'ס קענען זאגן פאר דעם יצר הרע מיטן גאנצן שטארקייט און פעסט'קייט, אז עס גייט מיר נישט אָן, איך גיי ווייטער אָן גיין מיט מיינע הייליגע: "עֲבֹדַת יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים", איי.. מיינע שלעכטע מעשים שטייען דאך מיר פאר מיינע אויגן..?! אויף דעם איז דא צוויי תירוצים:

1) אז דאס איז דאך טאקע מיין "נסיון" דא, אז מיינע שלעכטע מעשים זאלן מיר ווי טוהן און מיר פראבירן אראפ צו קלאפן כדי אז איך זאל נישט שפירן ראוי צו אזעלכע הייליגע עבודות פון תורה ועבודה ויראת שמים אין די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים", און.. יא, דאס איז א פשוט'ע "נסיון" פאר מיר פון הימל.

2) אז מיינע: "יִסוּרִים" וואס איך האב פון מיינע עבירות איז טאקע מיין: "כַּפָּרָה" אויף מיינע שלעכטע מעשים וואס איך האב געטוהן, ווייל פון הימל פון מען זעהט זיך אויס, אז מיינע עבירות זאלן מיר אביסעל'ע ווי טוהן, און עס זאל מיר שטערן אביסעל'ע פון אָן גיין ווייטער: "בַּתּוֹרָה וּבַעֲבוֹדָה וּבְיִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה".

אבער א קלוגע מענטש פארשטייט דאך שוין פון זיך אליין אז דאס איז אלעס איין גרויסע יצר הרע וואס פארגינט מיר נישט אביסעל'ע רוחניות'דיגע השפעות פון די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים", און ממילא לאמיר זיך טאקע אלע אינאיינעם שטארקן איבער די אלע שוועריקייטן, און נישט ח"ו ווערן אריין געשלעפט אין דעם שווער'ן נעץ וואס דער יצר הרע שפרייט אויס איבער אונז אין די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים".

און לויט דעם קען מען טאקע אפשר טייטש'ן אביסל אנדערש דעם פסוק פון: "וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב" וגו', און דאס איז, אז די ווארט: "וָאֵרָא" באטרעפט דאך [בעצם אָן דעם כולל] איין נומער ווייניגער ווי די ווארט: "אַחֵר", ווייל דער אייבערשטער זאגט דא פאר א מענטש, אז: "וָאֵרָא" – אז פראביר זיך צו האלטן שטארק מיט אלע כוחות ביי דעם מספר פון: "וָאֵרָא" – וואס איז דאך גימטריא: "צוויי הונדערט און אכט", כדי נישט אריין צו פאלן אין די הענט פון דעם יצר הרע וואס רופט זיך: "אַחֵר" – וואס איז דאך שוין גימטריא: "צוויי הונדערט און ניין", ווייל: "אֲנִי יהו-ה" – ווייל אויף דעם וואס דו האלטס'ט זיך שטארק אנטקעגן דעם יצר הרע וואס רופט זיך: "אַחֵר", וועסטו זוכה זיין צו באקומען גאר א גרויסע שכר אויף יענע וועלט.

און דאס איז דאך נישט סתם א שיינע געדאנק פון עפעס א קלוגע יוד, ניין ניין ניין, נאר דאס איז: "אֲנִי יהו-ה", און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע זייער גוט, אז די ווערטער: "אֲנִי יהו-ה" סימבאלאזירן דאך דעם גרויסן: "נאמן" לשלם שכר, ווייל.. יא, דער אייבערשטער זאגט דא פאר א יודיש קינד, אז איך בין דאך באגלייבט מיט מיין הבטחה אז איך וועל דיר נאך באצאלן גאר א גרויסע "שכר" פאר דיין הייליגע עבודה וואס דו שלאגס'ט זיך דא אנטקעגן די טמא'נע "סטרא אחרא" וואס רופט זיך: "אַחֵר".

וועט אבער א מענטש מיינען, אז יא.. מען דארף טאקע גאר שטארק אכטונג געבן נישט אריין צו פאלן אין די הענט פון דעם יצר הרע וואס צו ברעכט דעם מענטש, אבער איך האב דאך נישט קיין כח צו ארבעטן שווער און קעמפן טאג און נאכט אנטקעגן דעם שווער'ן יצר הרע וואס פראבירט מיר שטענדיג צו צוברעכן..?! זאגט אונז וועגן דעם רש"י הק' דא אויפן פלאץ, אז די דאזיגע מאמר פון: "וָאֵרָא" – אז די דאזיגע מאמר אז א מענטש דארף זיך קענען האלטן שטארק אנטקעגן דעם יצר הרע פון: "אַחֵר".. איז טאקע נאר געזאגט געווארן: אֶל "הָאָבוֹת" – צו די יודן וואס "ווילן" טאקע באמת שטארק זיין א ערליכע יוד, ווייל כדי צו קענען באזיגן דעם יצר הרע, דארף מען "קעמפן" אנטקעגן איהם..! און נישט שטיין אויף די זייט און זאגן אז באשעפער.. איך וויל זיין א ערליכע יוד, און איך קען נישט פארשטיין פארוואס עס גיסט זיך מיר נישט אריין אין מויל אריין צו ווערן א ערליכע יוד.

ווייל.. ניין ר' יוד, עס גייט נישט אזוי, ווייל כדי צו קענען זיין א ערליכע יוד דארף מען דאך שטיין אין א כסדר'דיגע "קאמף" אנטקעגן דעם יצר הרע, און כדי צו קענען זיין א ערליכע יוד מוז מען דאך שטענדיג שטיין אין א פולקאמע "מלחמה" מיט דעם יצר הרע, און זיך ראנגלען מיט איהם האנט ביי האנט, און מען דארף שטענדיג פראבירן צו שטיין פעלזן פעסט אנקעגן די אלע יצר הרע'ס וואס פראבירן צו צוברעכן דעם מענטש, און רש"י הק' האט דאך אונז שוין קלאר מגלה געווען דא, אז כדי צו קענען שטיין ביי דעם: "וָאֵרָא" – אז כדי צו קענען שטיין ביי דעם: "הִתְגַּלּוּת כְּבוֹד יהו-ה", און נישט ח"ו אריין פאלן אין די הענט פון דעם יצר הרע, מוז מען דעמאלט'ס גאר שטארק אָן כאפן דעם: אֶל "הָאָבוֹת" – מוז מען דעמאלט'ס גאר

שטארק אָן כאפן דעם: "רָצוֹן" צו זיין א ערליכע יוד, ווייל.. יא, כדי צו קענען זוכה זיין צו זיין א ערליכע יוד דארף מען "קעמפן" אנקעגן דעם יצר הרע, און מען דארף טאקע באמת "וועלן" זיין א ערליכע יוד, און מען דארף זיך שלאגן פאר דעם מיטן גאנצן שטארקייט, און נישט מיט א שיינע רואיג'קייט, נאר מען דארף זיך ראנגלען מיט דעם יצר הרע מיט ציין און נעגל, און קיינמאל נישט אויף געבן אויף די "מלחמה", נאר מען דארף שטענדיג בלייבן א העלדיש'ע "קעמפער".

ווייל דער הייליגער תורה הק' לערנט דאך אונז שוין ביי די מעשה פון מלחמת עמלק, אז: "וַיָּבֹא עֲמָלֵק" – אז ווען קומט דער יצר הרע מלחמה האלטן מיט א מענטש..?! און: "וַיִּלָּחֶם עִם יִשְׂרָאֵל" – און ווען קומט דער יצר הרע מלחמה האלטן מיט דעם פינטעל'ע יוד און ער פראבירט אונטער צו ברענגען דעם מענטש..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז דער יצר הרע קומט נאר צו א מענטש ווען ער איז: "בִּרְפִידִם" – ווען דער מענטש וויל מקבל זיין דעם: "מַלְכוּת שָׁמַיִם" מיט א "שוואכ'קייט" – מיט א: "רפוי ידים מן התורה ועבודה" – מיט א רואיג'קייט און מיט א שוואכ'קייט, און נאר אויב עס קומט איהם אָן "גרינג" צו דינען דעם אייבערשטן, ווייל דעמאלט'ס.. קומט טאקע גלייך אָן דער יצר הרע, און ער ווארפט דעמאלט'ס גלייך אריין דעם מענטש אין דעם תהום אריין.

און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך ווייטער אין פסוק ביי די פרשה פון מלחמת עמלק, אז: "וְהָיָה" כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ – אז עס איז גאר א גרויסע: "שִׂמְחָה" ווען א יודיש קינד הייבט אויף זיין האנט אנטקעגן דעם יצר הרע, ווייל דאס ווייזט דאך אז ער וויל נאך "קעמפן" אנטקעגן דעם יצר הרע מיט ציין און נעגל, און דאס ווייזט דאך אז ער וויל נאך "מלחמה" האלטן אנטקעגן דעם יצר הרע וואס פראבירט איהם כסדר אראפ צו ווארפן, און דאס צו הערן איז דאך ממש גאר א גרויסע: "שִׂמְחָה", ווייל אויב דו וועסט "לוחם" זיין אנטקעגן דיין יצר הרע מיט ציין און נעגל, דעמאלט'ס וועט דיר דער אייבערשטער צו העלפן אז: "וְגָבַר יִשְׂרָאֵל" – דעמאלט'ס וועט דיר דער אייבערשטער צו העלפן אז דו זאלסט איהם טאקע קענען מנצח זיין אינגאנצן סוף כל סוף.

אבער: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ" – אבער אויב א יודיש קינד לייגט ח"ו אינגאנצן אראפ זיינע הענט, און ער זאגט שוין אז מען דארף טאקע אכטונג געבן נישט אריין צו פאלן אין די הענט פון דעם יצר הרע וואס צו ברעכט דעם מענטש, אבער איך האב דאך נישט קיין כח צו ארבעטן שווער און קעמפן טאג און נאכט אנטקעגן דעם יצר הרע, זאגט די פסוק דא צו פאר אזא איינער, אז אויב: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ" – אז אויב דו וועסט ח"ו אינגאנצן אראפ דיינע הענט, און דו וועסט מער נישט לוחם זיין אנטקעגן דעם יצר הרע, דעמאלט'ס וועט זיין ח"ו: "וְגָבַר עֲמָלֵק", און די סטרא אחרא וועט דיר ח"ו מנצח זיין, ווייל ניין ר' יוד, מען קען נישט מצליח זיין אין די מלחמה אנטקעגן דעם יצר הרע נאר אויב מען טוט שטענדיג דעם פעולה פון: "יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ" – נאר אויב מען האלט שטענדיג א אויבער האנט אויף דעם יצר הרע, און מען ווייזט איהם שטענדיג אז מען שלאגט זיך נאך ארום מיט איהם, ווייל אויב געבט מען ח"ו אויף אויפן שווער'ן קאמף, און מען זאגט שוין אז איך וויל שוין מער נישט ארבעטן שווער "מלחמה" צו האלטן מיט דעם יצר הרע, דעמאלט'ס קען מען ח"ו גאר גאר שנעל אריין פאלן אין די נעץ פון דעם יצר הרע.

און דער פסוק דא פון מלחמת עמלק איז דאך בעצם א מורא'דיגע לימוד פאר א מענטש, ווייל דער פסוק זאגט דאך אונז דא אין אנדערע ווערטער איין זאך, און דאס איז, אז ווען א יודיש קינד פראבירט צו האלטן א אויבער האנט אויף דעם יצר הרע, דעמאלט'ס איז דער יוד שטענדיג שטערקער, [אפילו ווען ער פארלירט אמאל די מלחמה], אבער: "וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ" – אבער אויב דער יוד לייגט ח"ו אינגאנצן אראפ זיינע הענט, און ער פראבירט ניט אמאל צו קעמפן אנטקעגן דעם יצר הרע, און ער באנוצט זיך ח"ו מיט דעם: "רפוי ידים מן התורה", און ער לאזט נאך פון דעם: "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ", און ער באנוצט זיך מיט די מדה פון עמלק וואס דאס איז: אֲשֶׁר "קָרְךָ" – קרירות מיט עצלות, דעמאלט'ס האט דער יצר הרע ח"ו א אויבער האנט.

און עס איז טאקע אפשר אויך כדי צו דערמאנען ביי דעם געלעגענהייט, אז דיווארט: "שׁוֹבָבִים" – איז דאך גימטריא: שַׁ"ס, ווייל.. יא, דאס איז דאך איינער פון די גרויסע תיקונים וואס א יודיש קינד דארף טוהן אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, זיך אריין לייגן אין דעם בלעט'ל גמרא מיט אלע רמ"ח איברים ושס"ה גידים, און זיך נישט נאך לאזן נאך די "קרירות" און "עצלות" וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אין א מענטש, און דאס איז דאך די גרעסטע תיקון השובבי"ם פאר א יודיש קינד, אז ער זאל זיך אריין ווארפן אין דעם בלעט'ל גמרא מיט אלע זיינע רמ"ח איברים ושס"ה גידים, אזוי ווי דער הייליגער אר"י הקדוש שרייבט דאך שוין טאקע בפירוש אין די הייליגע כתבי האריז"ל.

און די ווארט: "שׁוֹבָבִים" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "יָשָׁן", ווייל עס ווערט דאך שוין געברענגט אין די ספרים הק', אז א מענטש קען שובבי"ם מתקן זיין זיינע "אויגן" דורך דעם וואס ער איז זיצט און לערנט ליל שישי אין בית המדרש ביגיעה רבה ועצומה, ווייל דורך די: "נידוד שנה" – דורך דעם וואס דער מענטש האלט צוריק די "שלאף" פון זיינע אויגן, און ער איז עוסק בתורה אין די הייליגע קלאטע ווינטער'דיגע נעכט, קען ער דורך דעם זוכה זיין מתקן צו זיין זיינע אויגן וואס זענען ליידער נישט ווי עס דארף צו זיין.

און די ווארט: "שׁוֹבָבִים" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "סְרַק" – א פשוט'ע: "אִילָן סְרַק", ווייל יא ר' יוד, אפילו אזא איינער וואס איז ממש א: "עֵץ יָבֵשׁ", און ער האלט נישט ביי "גארנישט"..! קען אויך זוכה זיין צו א תיקון השובבי"ם דורך דעם וואס ער וועט זיך צוריק מדבק זיין אין דער הייליגער "תורה" הק'.

און די ווארט: "שׁוֹבָבִים" [מיט די פינעף אותיות] – איז דאך טאקע אויך גימטריא: שְׁסָ"ה [מיטן כולל], ווייל דאס קומט אונז מרמז צו זיין, אז אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם קען א מענטש זוכה זיין מתקן צו זיין אפילו אזעלכע זאכן וואס עס איז גאר שווער מתקן צו זיין אין די "דריי הונדערט און פינעף און זעכציג טעג" וואס עס איז דא אין דעם יאר, ווייל דער הייליגער אר"י הקדוש האט דאך אונז שוין מגלה געווען קלאר, אז די הייליגע: "יְמֵי הַשׁוֹבָבִים" איז א: זמן המסוגל "לתשובה" פאר א יעדעם איינעם, פון די נידריג'סטע ביז די העכסט'ע מדריגה, און די הייליגע: "יְמֵי הַשׁוֹבָבִים" איז א צייט וואס א יעדע יודיש קינד קען דעמאלט'ס זוכה זיין צו זיין ריכטיגע "תיקון הנפש".

און די ווערטער: "יְמֵי הַשׁוֹבָבִים" [מיט די צוויי ווערטער] – איז דאך אויך גימטריא: "רַק אֱמוּנָה בַּיְיָ" [מיט די דריי ווערטער] – נאר אביסעל'ע ריינע לויטער'ע: "אֱמוּנָה" אז דער הייליגער באשעפער נעמט אָן מיין תשובה אין די הייליגע: "יְמֵי הַשׁוֹבָבִים" טראץ דעם וואס איך בין אזוי שטארק פאר זינקען אין מיין בלאטע, און אלעס וועט שוין פון זיך אליין מסודר ווערן נאך דעם.

און אויב דו וועסט טאקע באמת קעמפן מיט א שטארקייט אנקעגן דעם יצר הרע פון: "אַחֵר" וואס פראבירט צו צוברעכן דעם מענטש מיט כל מיני תירוצים שונים כדי אז ער זאל זיך נישט מדבק זיין אין דעם הייליגן באשעפער און אין זיין הייליגער תורה הק', דעמאלט'ס וועסטו טאקע קענען זוכה זיין צו שטייגן מעלה מעלה: "בַּתּוֹרָה וּבַעֲבוֹדָה וּבְיִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה", און דו וועסט דעמאלט'ס קענען זוכה זיין צו דער גרייכן די הויעכ'ע מדריגות וואס פאסט באמת פאר דיינע הייליגע זיידעס: "אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב":

וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב בְּאֵ-ל שַׁדָּ-י וגו' וְגַם הֲקִמֹתִי אֶת בְּרִיתִי אִתָּם לָתֵת לָהֶם אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן וגו' וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו': וואס האט דער אייבערשטער געזאגט דא פאר משה רבינו..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז דער אייבערשטער האט דאך דא געזאגט פאר משה רבינו דריי זאכן, און די דריי זאכן זענען דאך ווי פאלגענד: 1) אז איך האב זיך נאר באוויזן צו דיינע הייליגע אבות הק' מיט מיין נאמען: "שַׁדָּ-י" וואס ווייזט דאך אויף א צו זאג פון "הבטחות" כידוע, 2) און אזוי אויך האב איך זיי אויך צו געזאגט אז זיי וועלן זוכה זיין צו ירשנ'ען דעם הייליגן לאנד: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", 3) און איך האב געהערט די ווייי געשריי פון די יודישע קינדער, און ממילא וועגן דעם זאג איך דיר אז: "וָאֶזְכֹּר

אֶת בְּרִיתִי" – און ממילא וועגן דעם זאג איך דיר אז איך געדענק נאך מיין בונד וואס איך האב געמאכט מיט די הייליגע אבות הק'.

דארף מען אבער לכאורה פארשטיין, אז וואס איז די שייכות פון די אלע דריי זאכן, און דאס מיינט צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז וואס איז די שייכות צווישן דאס וואס דער אייבערשטער האט זיך באוויזן צו די אבות הק' מיט דעם נאמען: "שַׁדַּ-י" מיט דאס אז דער אייבערשטער האט זיי צו געזאגט אז זיי וועלן זוכה זיין צו ירשנ'ען: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל"..?! און אזוי אויך.. דארף מען דאך פארשטיין דא, אז וואס פאר א שייכות האט דעם געדאנק אז דער אייבערשטער האט געהערט די ווי געשריי פון די יודישע קינדער מיט די אנדערע צוויי "הבטחות"..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז די שייכות פון די אלע דריי זאכן זענען זייער פשוט, ווייל דער אייבערשטער האט דא געוואלט דא אויס לערנען פאר משה רבינו, אז ווען דו זעהס'ט פון איין זייט אסאך אסאך הבטחות מיט א נאמען: "שַׁדַּ-י", און פון די אנדערע זייט: "שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם" – און פון די אנדערע זייט זעהסטו א פאלק וואס פייניגט זיך נעבעך אזוי ביטער און שווער אין אזא ביטער'ע פינסטער'ע "גלות מצרים", און דו שטייס'ט אזוי ביי די זייט.. און דו וואונדערס'ט זיך אזוי, און דו טראכס'ט צו זיך דעמאלט'ס, אז ווי אזוי קען דאס זיין..?! די יודישע קינדער האבן דאך באקומען אזוי פיל גוטע "הבטחות" אז זיי וועלן לעבן אין א: "אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ", און אז עס וועט זיי גוט זיין, ניין..?! און ממילא ווי אזוי קען דעמאלט'ס זיין אז די יודישע קינדער ליידן זיך נעבעך צוזאם אזוי פיל צרות צרורות אין דעם ביטער'ן "גלות מצרים"..?!

טאקע וועגן דעם זאגט אונז דא דער הייליגער תורה הק' אויס א גרויסע "סוד", און דער הייליגער תורה הק' זאגט אונז דא, אז ווען א יודיש קינד זעהט אמאל אז ער האט שוין אזוי פיל מתפלל געווען צום אייבערשטן, און ער האט שוין געטוהן אזוי פיל סגולות זוכה צו זיין צו באקומען זיין ישועה, און ער האט שוין באקומען אזוי פיל גוטע "הבטחות" פון ערליכע יודן אז ער וועט זוכה זיין צו באקומען א ישועה, אבער פון די אנדערע זייט.. שטייט ער דאך נעבעך נאך אלץ אום באהאלפן, און ער שרייט נאך נעבעך נאך אלץ א ביטער'ע ווי געשריי, דעמאלט'ס זאל ער וויסן, אז דוקא דעמאלט'ס איז: "וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי" – דוקא דעמאלט'ס איז: "יֵשׁ יהו-ה בַּמָּקוֹם הַזֶּה", ווייל ווען א יודיש קינד זעהט תפילות וסגולות והבטחות פון איין זייט, און ער שטייט נאך אלץ פון די צווייטע זייט און וויינט, דעמאלט'ס איז א סימן, אז דער אייבערשטער שטייט לעבן איהם, און זיין ישועה איז זייער נאנט.

ווייל ווען א מענטש זעהט אז ער האט שוין מתפלל געווען צום אייבערשטן, און ער האט שוין טאקע באקומען וואס ער האט געדארפט, און ער שפירט שוין ווי ער האט שוין אלעס אויף דער וועלט, און אלעס איז איהם שוין טאקע ליכטיג און פיין און וואויל, דעמאלט'ס מוז ניטש זיין אז דער אייבערשטער איז שטענדיג נאנט צו איהם מיט גאר א גרויסע: "קִרְבַת אֱלֹקִים", ווייל ווען א מענטש פארמאגט אלעס אויף דער וועלט, דעמאלט'ס קען מען דאך נאך אסאך מאל פארגעסן פון דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת האזינו (קפיטל ל"ב פסוק ט"ו), אז: "וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט" – אז ווען א יודיש קינד האט צו פיל גשמיות, דעמאלט'ס קען ער דאך נאך ח"ו צו קומען בועט צו זיין אין דעם הייליגן באשעפער.

אבער משא"כ ווען א יודיש קינד האט געבעטן דעם אייבערשטן, און ער האט משקיע געווען אסאך אסאך תפילות וסגולות והבטחות, אבער מיט דעם אלעמען זעהט ער זיך אבער נאך אלץ ביי דעם: "נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" – אבער מיט דעם אלעמען זעהט ער זיך אבער נאך אלץ ביי זיין ווי געשריי, און: "אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם" – און זיינע: "מְצָרִים" דרוקען איהם נעבעך אויפן הארץ, דעמאלט'ס קען ער וויסן אויף זיכער, אז: "וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי" – אז דער אייבערשטער געדענקט זיינע אלע ווארימ'ע תפילות וואס ער האט געבעטן אין די פארגאנגענהייט, און ער וועט טאקע בקרוב ממש זוכה זיין צו זעהן זיין גרויסע:

"יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה מִן הַשָּׁמַיִם", ווייל אויב דו האסט געבעטן דעם הייליגן באשעפער א לאנגע צייט אז דער הייליגער באשעפער זאל דיר שיקן א ישועה, דעמאלט'ס וועסטו זיכער זוכה זיין צו זעהן א אמת'ע: "יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה מִן הַשָּׁמַיִם", ווייל קיין שום תפילה גייט דאך נישט אומזיסט, און קיין שום תפילה פון קיין שום יודיש קינד גייט דאך נישט לאיבוד ח"ו.

און געב נאר א קוק אויף אונזער הייליגער רבי "משה רבינו", ווייל משה רבינו האט דאך געבעטן דעם אייבערשטן "פינעף הונדערט און פופצן" מאל אז ער וויל זוכה זיין אריין צו גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", כמנין וויפיל עס באטרעפט די ווארט: "וָאֶתְחַנַּן", און כמנין וויפיל עס באטרעפט די ווארט: "תְּפִלָּה", און ווען ער האט שוין גע'ענדיגט בעטן די פינעף הונדערט און פופצן תפילות אז ער וויל זוכה זיין אריין צו גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", האט איהם דעמאלט'ס דער אייבערשטער געזאגט, אז ער זאל מער נישט בעטן, און חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז אויב משה רבינו וואלט געבעטן דעם אייבערשטן נאך "איין" תפילה פארן אייבערשטן אז ער וויל אריין גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", דעמאלט'ס וואלט זיך איהם גע'עפענט אלע טירן אויבן אין הימל, און ער וואלט טאקע דעמאלט'ס געקענט זוכה זיין אריין צו גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", ווייל עס איז נישט דא אזא זאך אז מען רעכנט זיך נישט מיט א יודישע קרעכטץ, עס איז פשוט נישט פארהאן אזא סארט מציאות אויף דער וועלט.

און די ווארט: "תְּפִלָּה" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "שִׁירָה", ווייל יא ר' יוד, אויב דו וועסט מרבה זיין "בתפלה" פארן הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" אז דער אייבערשטער זאל דיר שוין שיקן דיין ישועה, דעמאלט'ס ביזטו פאר זיכער'ט אז דו וועסט סוף כל סוף זוכה זיין צו זינגען און צו טאנצן מיט די: "יְשׁוּעַת יהו-ה" וואס וועט אָן קומען צו דיר: "כְּהֶרֶף עַיִן", און ממילא אויב דו האסט א צרה ביי דיר אין משפחה, דעמאלט'ס בלייב נישט שטיל אויף די זייט, נאר: "קוּם קְרָא אֶל אֱלֹקֶיךָ":

וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יהו-ה.. וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב וגו': ווען רש"י הק' וויל אונז דא מסביר זיין דעם פסוק פון: "וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב" וגו', דעמאלט'ס זאגט אונז דא רש"י הק' די לשון פון: "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת", אבער כדי צו פארשטיין די ווערטער פון רש"י הק', דארפן מיר קודם מקדים זיין א געוויסע הקדמה, ווייל עס שטייט דאך שוין אין חז"ל, אז ווען א יודיש קינד זעהט אמאל אז עס קומט אויף איהם א: מִדַּת "הַדִּין", דארף ער אבער נאך אלץ גוט געדענקען דעמאלט'ס, אז דאס קומט אבער נאך אלץ איין געוויקל'ט מיט גאר גרויסע: "חֲסָדִים" פון דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב", ווייל אפילו ווען דער אייבערשטער גייט אמאל מיט א מענטש מיט: מִדַּת "הַדִּין", ליגט אבער נאך אלץ באהאלטן אין דעם: מִדַּת "הַדִּין" גאר גרויסע: "חֲסָדִים וְרַחֲמִים".

און די סיבה פארוואס דער אייבערשטער שיקט אמאל א צרה אויף א מענטש איז דאך, ווייל דער אייבערשטער וויל אז די מענטש זאל זיך אויף וועקן פון זיין טיפ'ן שלאף און אָן הייבן "תשובה" צו טוהן, און ממילא ווען דעם מאכט דער אייבערשטער אסאך מאל אז א מענטש זאל אָן אמאל אָן הייבן צו שפירן אום באקוועם, ווייל דורך דעם וועט זיך דער מענטש פלוצלונג דערמאנען אז דער אייבערשטער ווארט אז ער זאל "תשובה" טוהן, און ער וועט טאקע דעמאלט'ס גלייך מאכן א חשבון הנפש אויף אלע זיינע מעשים, און ער וועט זיך דעמאלט'ס גלייך צוריק קערן צום הייליגן באשעפער און עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין חז"ל, אז: "אם רואה אדם שיסורין באין עליו" – אז אויב א מענטש זעהט אז עס קומט ח"ו אויף איהם: "יְסוּרִים", דעמאלט'ס: "יפשפש במעשיו" – דעמאלט'ס זאל ער גוט באקוקען זיינע מעשים צו זיי זענען טאקע ווי עס דארף צו זיין.

און דאס איז דאך טאקע די "עיקר" סיבה פארוואס דער אייבערשטער שיקט אמאל אויף א מענטש א געוויסע צרה, ווייל דער אייבערשטער וויל פשוט אז דער מענטש זאל "תשובה" טוהן און זיך צוריק קערן צו איהם מיטן גאנצן הארץ, און דער אייבערשטער וויל, אז דער מענטש זאל זיך אויס רעדן דאס הארץ צו איהם, און זיך מקבל זיין פון דאס ניי אז ער וועט שוין זיין א ערליכע יוד.

אבער עס איז כדי אָן צו מערקן, אז עס איז דא נאך א טעם פארוואס דער אייבערשטער שיקט אמאל א צרה אויף א מענטש, און די צווייטע טעם איז, ווייל ווען דער אייבערשטער זעהט אז א מענטש רעדט קיינמאל נישט צו איהם, און ער בעט איהם קיינמאל גארנישט, דעמאלט'ס טראכט דער אייבערשטער [כביכול], אז איך וויל דאך יא הערן דיין קול ר' יוד, און איך וויל דאך יא הערן דיין זיסע שטימע ווי דו בעטס'ט מיר אז איך זאל דיר העלפן, ווייל איך גלוסט דאך אזוי שטארק צו הערן די קול פון א יודישע תפילה, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין חז"ל, אז: "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל" – אז דער אייבערשטער גלוסט גאר שטארק צו הערן די תפילות פון די יודישע קינדער, און דער אייבערשטער גלוסט גאר שטארק צו הערן ווי אזוי א יודיש קינד בעט זיך צו איהם אז ער זאל איהם העלפן, און ער ווארט גאר שטארק צו הערן זייער קול.

און ממילא אויב דער אייבערשטער הערט נישט די קול [התפילה] פון א געוויסע מענטש, שיקט איהם דעמאלט'ס דער אייבערשטער אסאך מאל א געוויסע סארט צרה וואס דאקטורים קענען שוין ל"ע נישט אויס היילן, איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל אויב דער מענטש וועט האבן אזא סארט צרה, דעמאלט'ס וועט ער זיך דאך שוין מוזן ווענדן צום אייבערשטן און איהם בעטן אז ער זאל אוועק נעמען זיין צרה פון איהם, ווייל.. יא, די גאנצע טעם פארוואס דער אייבערשטער שיקט אמאל א צרה אויף א מענטש איז דאך נאר, ווייל דער אייבערשטער וויל אז דער מענטש זאל צוריק אָן הייבן צו רעדן צום אייבערשטן.

און ממילא דאס איז פשט אין דעם פסוק פון: "וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה" וגו' [לויט דעם ערשט'ן סיבה וואס מיר האבן פריער גערעדט פארוואס דער אייבערשטער אמאל א צרה אויף א מענטש], אז: "וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה" – אז דער אייבערשטער האט דא גערעדט צו משה רבינו, און דער אייבערשטער האט דא מגלה געווען פאר משה רבינו, אז אפילו ווען איך רעד אמאל צו א מענטש: בְּמִדַּת "הַדִּין", איז דאס אבער נאך אלץ א: "וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יהו-ה" – איז דאס אבער נאך אלץ א "אמירה רכה" וואס ווערט געזאגט: בְּמִדַּת "הָרַחֲמִים".

און דער אייבערשטער זאגט דא ווייטער פאר דעם מענטש וואס האט באקומען די צרה, אז די סיבה פארוואס איך האב דיר געשיקט די צרה איז, ווייל: "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת", און די ווערטער: "**וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת**" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "אִוָּה" – גלוסט'ן, ווייל די סיבה פארוואס דער אייבערשטער שיקט אמאל א צרה אויף א מענטש איז דאך נאר, ווייל דער אייבערשטער זאגט, אז איך גלוסט דאך אזוי שטארק צו הערן דיין ווארימ'ע "תפילה", און וויבאלד איך האב געזעהן אז דו רעדס'ט נישט צו מיר, ממילא וועגן דעם האב איך דיר געמוזט שיקן א "דערמאנונג" מלובש אין די סארט צרה וואס דו האסט דא יעצט באקומען, אבער טיף אין דעם צרה ליגט דאך אבער נאך אלץ באהאלטן גאר א טיפע: "אֲנִי יהו-ה" – אבער טיף אין דעם צרה ליגט דאך אבער נאך אלץ באהאלטן גאר גרויסע: "חֲסָדִים וְרַחֲמִים" פון דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב".

און אדער קען מען טייטש'ן אביסל אנדערש דעם פסוק פון: "וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה" וגו', [און דאס גייט דאך שוין לויט דעם צווייטן סיבה וואס מיר האבן פריער גערעדט פארוואס דער אייבערשטער שיקט אמאל א צרה אויף א מענטש], און דאס איז דאך, אז: "וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה" – אז דער אייבערשטער האט דא גערעדט צו משה רבינו, און דער אייבערשטער האט דא מגלה געווען פאר משה רבינו, אז ווען עס קומט אמאל א צרה אויף א מענטש, דעמאלט'ס איז עס אבער נאך אלץ: "וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יהו-ה" – דעמאלט'ס איז עס אבער נאך אלץ: מָלֵא "חֲסָדִים וְרַחֲמִים", און די גאנצע צרה וואס דו האסט דא באקומען איז דאך בכלל נישט קיין "דיבור קשה", ניין ניין ניין, בכלל נישט: "לֹא מִנֵּיהּ וְלֹא מִקְצָתֵיהּ", נאר פארקערט, עס איז א "אמירה רכה", און די גאנצע צרה וואס דו האסט דא באקומען איז דאך בכלל נישט קיין: מִדַּת "הַדִּין" נאר פונקט פארקערט, עס איז איין שטיק: מִדַּת "הָרַחֲמִים" פון אונזער גרויסן טאטן אין הימל.

און דער אייבערשטער זאגט דא ווייטער פאר א מענטש, אז די סיבה פארוואס איך שיק אמאל א צרה אויף א מענטש איז דאך נאר, ווייל איך וויל דאך אז דער מענטש זאל "תשובה" טוהן פאר מיר און אפ לאזן זיינע שלעכטע וועגן, ווייל עס לוינט זיך דאך נישט צו זיין א בעל עבירה, ווייל: "נאמן לשלם שכר טוב למתהלכים לפני" – ווייל איך בין דאך באגלייבט צו באצאלן א גוטע באלוינונג פאר די צדיקים וואס פירן זיך אויף ערליך און גוט, און: "ולא לחינם שלחתיך" – און איך האב דיר נישט אראפ געשיקט אויף דער וועלט אומזיסט, נאר: "כי אם לקיים דברי" – נאר כדי אז דו זאלסט מקיים זיין די רייד פון מיין הייליגער תורה הק' און זיין א ערליכע יוד, און ממילא ווען איך האב געזעהן אז דו פירס'ט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, ממילא האב איך דעמאלט'ס געמוזט משתף זיין מיין: מִדַּת "הַדִּין" צוזאמען מיט מיין: מִדַּת "הָרַחֲמִים" כדי אז דו זאלסט "תשובה" טוהן, אבער אין אמת'ן.. איז דאך מיינע וועגן אָן געפילט מיט גאר גרויסע: "חֲסָדִים וְרַחֲמִים עַד אֵין שִׁיעוּר וָעֵרֶךְ":

וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב בְּאֵ-ל שַׁדָּי וגו': רש"י הק' זאגט אונז דא, אז דו ווייסט וואס די ווערטער: "וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב" וגו' מיינען..?! דאס מיינט אז: "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת" – דאס מיינט אז דער אייבערשטער האט זיך באוויזן צו די הייליגע אבות הק', דארף מען דאך אבער לכאורה פארשטיין, אז פארוואס האט דא רש"י הק' געשפירט פאר וויכטיג צו זאגן די ווערטער: "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת" – אז ווייסטו צו וועמען דער אייבערשטער האט זיך שוין באוויזן..?! צו די הייליגע אבות הק', אוודאי צו די הייליגע אבות הק'..?!

עס שטייט דאך שוין בפירוש אין פסוק די וואך אין די פרשה (קפיטל ו' פסוק ג'), אז דער אייבערשטער האט דא קלאר געזאגט פאר משה רבינו אז: "וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב" – אז דער אייבערשטער האט דא קלאר געזאגט פאר משה רבינו אז איך האב זיך דאך שוין באוויזן צו די הייליגע אבות הק'..?! און ממילא וואס קומט דא רש"י הק' צו לייגן מיט די ווערטער: "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת"..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז עס ווערט דאך שוין געברענגט אין די ספרים הק', אז רש"י הק' האט דא געוואלט ארויס ברענגען אינגאנצן א אנדערע נקודה מיט די ווערטער: "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת", און די נקודה איז געווען, אז רש"י הק' האט דא געוואלט ארויס ברענגען וואס דאס מיינט א: "רָצוֹן" פון א יודיש קינד, ווייל אויב א יודיש קינד האט א: "רָצוֹן" צו זיין גוט, און ער איז טאקע באמת "משתוקק" צו טוהן דעם רצון השם יתברך, און ער וויל דאס טאקע באמת, דעמאלט'ס איז דאס די גרעסטע: "נַחַת רוּחַ" פאר דעם הייליגן באשעפער, ווייל דער אייבערשטער זאגט דא פאר א יודיש קינד, אז איך וויל דאך נאר איין זאך פון דיר, און דאס איז, דעם: "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת", און עס איז דאך שוין באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז די ווארט: "אָבוֹת" איז דאך א לשון פון "וועלן", [אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת כי תצא (קפיטל כ"ג פסוק ו'), אז: וְלֹא "אָבָה" יהו-ה אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וגו' – אז דער אייבערשטער האט נישט "געוואלט" צו הערן צו בלעם הרשע].

ווייל דער אייבערשטער זאגט דא פאר א יודיש קינד, אז איך וויל דאך נאר איין איינציגע זאך פון דיר, און דאס איז, אז: "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת" – אז ווייז מיר נאר דיין: "רָצוֹן"..! און ווייז מיר נאר ווי שטארק דו ווילס'ט זיין גוט..!

און די ווארט: "וָאֵרָא" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "יִצְחָק", און מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז: "יִצְחָק" איז דאך רומז אויף: מִדַּת "הַגְּבוּרָה", און ממילא יא ר' יוד, דאס זאגט דיר דא דער הייליגער באשעפער, דער הייליגער באשעפער זאגט דיר דא, אז: "וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת" – אז ווייז מיר נאר דיין שטארקע: "רָצוֹן" וואס דאס האסט אין הארץ צו זיין גוט..! און ווייז מיר נאר ווי שטארק דו ווילס'ט אין אמת'ן זיין גוט..! ווייל: "רחמנא ליבא בעי" – ווייל דער אייבערשטער וויל דאך נאר זעהן דיין "הארץ" ווי שטארק דו ווילס'ט טאקע באמת זיין גוט אין הארצן, און דאס איז דאך די עיקר ביים אייבערשטן, אז דו זאלסט "וועלן" זיין א ערליכע יוד.

און לויט דיין: "רָצוֹן".. וועט דער אייבערשטער דיר העלפן, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין חז"ל, אז: "הבא ליטהר מסייעין אותו" – אז לויט ווי שטארק ווי שטארק דו ווילס'ט זיין א: "הבא ליטהר" – לויט ווי שטארק דו ווילס'ט זיך רייניגן פון דיינע עבירות, אזוי שטארק: "מסייעין אותו" – אזוי שטארק וועט מען דיר צו העלפן פון הימל אז דו זאלסט דאס טאקע קענען דערגרייכן.

און די ווארט: "רָצוֹן" איז דאך די זעלבע אותיות ווי די ווארט: "צִנּוֹר" – א רער [א "פֵּייפּ"], ווייל דורך די: "רָצוֹן" פון א מענטש בויעט ער זיך אויף א: "צִנּוֹר" ביז צום אייבערשטן – דורך די: "רָצוֹן" פון א מענטש בויעט ער זיך אויף אייגענ'ע א "רער" פון זיך ביז צום אייבערשטן, און דורך דעם העלפט איהם דער אייבערשטער צו פון אויבן אז ער זאל טאקע קענען צוריק קומען צו איהם, און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אויך, אז א: "צִנּוֹר" קען מען דאך נאר נוצן פאר איין זאך – אז א "רער" קען מען דאך נאר נוצן פאר איין זאך, ווייל עס האט דאך נאר איין לאך פון איין זייט, און איין לאך פון די צווייטע זייט, און ממילא וועגן דעם קען מען דאס נישט נוצן פאר צוויי זאכן, נאר מען מוז דאס מייחד זיין פאר איין זאך.

און די זעלבע זאך איז דאך אויך מיט די: "רָצוֹן" פון א יודיש קינד, ווייל א יודיש קינד מוז דאך אויך מייחד זיין זיין: "רָצוֹן" פאר איין זאך, און דאס איז: "לעבודתו יתברך שמו" – פארן הייליגן באשעפער, ווייל נאר אזוי וועט זיך זיין: "יִרְאַת שָׁמַיִם" קענען האלטן ביי איהם, און דאס איז בעטן מיר דאך שוין טאקע אלע א יעדן טאג פון דעם הייליגן באשעפער ביי תפילת שחרית, אז: "וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ" – אז דער אייבערשטער זאל "מייחד" זיין אונזער הארץ בלויז פאר: "יִרְאַת שָׁמַיִם", ווייל מען קען דאך נישט הנאה האבן פון דער וועלט און אין די זעלבע צייט ענדיגן "כל התורה כולה", עס גייט דאך נישט אזוי, נאר מען דארף צו טיילן די צוויי ענינים אויף צוויי טיילן, ווייל עס איז אמת טאקע אז א יודיש קינד מעג טאקע הנאה האבן פון א געשמאקע סעודה אויף דער וועלט, אבער.. ער דארף אבער פראבירן צו עסן: "לְשֵׁם שָׁמַיִם", און ער דארף געדענקען בשעת'ן עסן, אז די גאנצע גשמיות איז דאך בעצם: "הכל הבל אין בו ממש" – די גאנצע גשמיות איז דאך בעצם איין גרויסע "גארנישט", ווייל דאס איז דאך די אמת'ע פאקט, אז גשמיות איז נישט בעצם קיין אמת'ע הנאה.

אבער וויבאלד דער מענטש דארף קענען האבן "כח" צו לערנען און דאווענען, ממילא וועגן דעם מוז ער עסן און טרינקען אזוי ווי עס דארף צו זיין, און נישט סתם עסן.. נאר ער דארף זעהן צו עסן גוט, ווייל אויב ער איז א מענטש וואס מוז זעטיג'ן זיין גוף כדי אז ער זאל קענען לערנען, דעמאלט'ס "מוז" ער דאס טוהן, ווייל ער דארף דאך קענען דינען דעם הייליגן באשעפער, און נישט נאר דעם, נאר זיין "אכילה" ווערט דעמאלט'ס גלייך א: "אכילה של מצוה", ווייל זיין עסן איז דאך א פשוט'ע: "חפץ של מצוה", ווייל דורך דעם וואס ער עסט, וועט ער דאך קענען לערנען מיט "הרחבת הדעת" א גאנצן טאג מיט א געשמאק און מיט א חיות.

אבער על כל פנים.. דארפן מיר טאקע אלע גוט געדענקען, אז מיט א יעדע זאך קען מען דינען דעם הייליגן באשעפער, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין משלי (קפיטל ג' פסוק ו'), אז: "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ" – אז אין אלע דיינע וועגן וואו דו גייסט נאר זאלסטו שטענדיג טראכטן פון דעם הייליגן באשעפער, און אפילו ווען א מענטש טרעפט זיך אמאל ח"ו אין א מצב וואס ער שפירט ביי זיך אז ער איז ליידער אריין געפאלן אין א טיפע פלאנטער, דעמאלט'ס זאגן די ספרים הק', אז ער זאל כאטשיג דעמאלט'ס "וועלן" דינען דעם אייבערשטן, ווייל עס שטייט דאך שוין פון צדיקים אויף דעם מאמר חז"ל: "אֵין דָּבָר הָעוֹמֵד בִּפְנֵי הָרָצוֹן", אז קיין שום זאך קען נישט אפ האלטן דעם מענטש פון דעם: "רָצוֹן" – אז קיין שום זאך קען נישט אפ האלטן דעם מענטש פון "וועלן" זיין א ערליכע יוד, ווייל "וועלן" קען דאך א יעדער איינער.

און די ספרים הק' זאגן דאך אונז שוין טאקע אויך, אז ווען א מענטש וועט ארויף קומען אויף יענע וועלט, וועט מען איהם דעמאלט'ס פָאר האלטן, און מען וועט איהם דעמאלט'ס זאגן, אז.. נשמה טייערע, איך הער

וואס דו זאגס'ט אונז דא, דו האסט טאקע געהאט שרעקליכ'ע נסיונות, אבער פארוואס האסטו נישט כאטשיג געהאט דעם: "רָצוֹן" צו זיין גוט..?! פארוואס האסטו נישט כאטשיג "געוואלט" זיין א ערליכע יוד..?! "וועלן" קען דאך א יעדער איינער..?! און מיר פארשטייען טאקע אז עס איז דיר געווען גאר גאר שווער, אבער פארוואס האסטו נישט כאטשיג "געוואלט" זיין גוט, ווייל די געדאנק איז, אז אפילו דו האסט נישט געקענט אויס פירן בפועל ממש דיינע גוטע רצונות וואס דו האסט געוואלט אויס פירן, וואלסטו דאך אבער כאטשיג געדארפט האבן א: "רָצוֹן" צו זיין גוט, ווייל צו האבן א: "רָצוֹן".. קען דאך א יעדע פשוט'ע יוד צו קומען צו דעם, און ממילא מען וועט פרעגן א מענטש אויף יענע וועלט, אז פארוואס האסטו נישט כאטשיג געהאט דעם: "רָצוֹן" צו זיין גוט..?!

און דאס דארפן מיר טאקע אלע מיט נעמען מיט זיך פאר א מורא'דיגע מוסר השכל, אז וואס..?! אז דער אייבערשטער זאגט פאר א יעדע יודיש קינד, אז: "**וָאֵרָא אֶל הָ**אָבוֹת" – אז ווייז מיר נאר דיין אמת'ע: "רָצוֹן" ווי דו ווילס'ט זיין א ערליכע יוד, ווייל: "אִנָּהּ" – ווייל דאס איז וואס איך גלוסט צו זעהן פון דיר, און דאס איז וואס איך וויל זעהן פון דיר, ווייל וואס גלוסט דער אייבערשטער צו זעהן פון א יודיש קינד..?! דער אייבערשטער גלוסט דאך נאר צו זעהן די אמת'ע: "רָצוֹן" פון א יודיש קינד צו זיין טאטן אין הימל, דאס וויל דער אייבערשטער, און ווען א יודיש קינד ווייזט פארן אייבערשטן זיין אמת'ע: "רָצוֹן" אז ער וויל טאקע באמת זיין גוט, דעמאלט'ס: "אִנָּהּ לְמוֹשָׁב לוֹ" – דעמאלט'ס גלוסט דער אייבערשטער צו זיין נאנט צו איהם, און דער אייבערשטער קומט דעמאלט'ס אראפ צו איהם אויף דער וועלט, און ער העלפט איהם דעמאלט'ס צו מער און מער כדי אז ער זאל טאקע קענען אויס פירן זיינע גוטע רצונות בפועל ממש.

און די סופי תיבות פון די ווערטער: "אִנָּ**הּ** לְמוֹשָׁ**ב** לוֹ" – איז דאך גימטריא: י"ג, און דאס גייט דאך ארויף אויף די: "שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹתֶיךָ שֶׁל רַחֲמִים", ווייל אויב דער אייבערשטער זעהט די שטארקע: "רָצוֹן" פון א יודיש קינד צו זיין טאטן אין הימל, דעמאלט'ס האט ער גלייך "רחמנות" אויף איהם, און ער ווערט דעמאלט'ס גלייך אָן געפילט מיט גרויס: "רַחֲמִים" אויף דעם מענטש, און ער קומט דעמאלט'ס גלייך אראפ אויף דער וועלט: "אִנָּהּ לְמוֹשָׁב לוֹ" – און ער קומט דעמאלט'ס גלייך אראפ אויף דער וועלט כדי צו זיין צוזאמען מיט דעם מענטש וואס האט אזא שטארקע: "רָצוֹן" צו זיין גוט, און ער העלפט איהם טאקע דעמאלט'ס צו אויס צו פירן זיינע גוטע רצונות וואס ער האט געוואלט אויס פירן, און ער העלפט דעמאלט'ס דעם מענטש אז ער זאל טאקע קענען מאכן פון זיך א הייליגע: "בית המקדש מעט" און מקיים זיין דעם: "וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם" וואס דאס מיינט דאך: "בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל":

וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב בְּאֵ-ל שַׁדָּי וּשְׁמִי יהו-ה לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם: לכאורה איז דאך שווער א מורא'דיגע קשיא, ווייל פארוואס שטייט אין די אנהייב פון דעם פסוק דא, אז דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, אז: "וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב בְּאֵ-ל שַׁדָּ-י" – אז עס איז אמת טאקע אז איך האב זיך טאקע באוויזן צו די אבות הק' מיט די שם פון: "אֵ-ל שַׁדָּ-י", אבער: "וּשְׁמִי יהו-ה לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם" – אבער מיין נאמען: "יהו-ה" האב איך קיינמאל נישט באקאנט געמאכט פאר זיי, עס וואלט דאך לכאורה געדארפט שטיין דא אין דעם פסוק, אז דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, אז עס איז אמת טאקע אז איך האב זיך טאקע באוויזן צו די אבות הק' מיט די שם פון: "אֵ-ל שַׁדָּ-י", אבער: וּבִשְׁמִי יהו-ה לֹא "נִרְאֵתִי" לָהֶם – אבער מיט מיין נאמען: "יהו-ה" האב איך זיך קיינמאל נישט "באוויזן" צו זיי..?! וואס איז פשט פון די ווערטער: וּשְׁמִי יהו-ה לֹא "נוֹדַעְתִּי" לָהֶם – אז מיין נאמען: "יהו-ה" האב איך קיינמאל נישט "צו וויסן געטוהן" פאר זיי..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז אזוי, אז די סיבה פארוואס עס שטייט דא אין דעם פסוק דעם לשון אז: וּשְׁמִי יהו-ה לֹא "נוֹדַעְתִּי" לָהֶם איז, ווייל אסאך מאל קען א מענטש זעהן, אז ער האלט און איין מתפלל זיין אויף א געוויסע זאך, אבער ער ווערט נישט געהאלפן, און דער מענטש קען דאך דעמאלט'ס אמאל אָן הייבן צו מיינען ביי זיך, אז דער אייבערשטער הערט ח"ו נישט אויס מיינע תפילות, אדער אז איך בין נישט גענוג חשוב ביים אייבערשטן גע'ענטפערט צו ווערן ח"ו, און די אלע סארטן ספיקות קומען דאך נאר פון דעם

ווייל א מענטש האט זיך פָאר געשטעלט ביי זיך אין קאפ, אז ער וועט מתפלל זיין אויף א געוויסע זאך, און דער אייבערשטער וועט איהם גלייך העלפן, אבער צום סוף.. האט זיך עס פארצויגן פאר א לענגער'ע צייט, און עס האט זיך אויס געשטעלט אינגאנצן אנדערש ווי ער האט געמיינט, און די ישועה איז נישט גלייך אָן געקומען אויפן פלאץ.

אבער א מענטש דארף דאך אבער וויסן, אז טראץ דעם וואס איך זעה אז עס נעמט גאר א לאנגע צייט ביז ווען איך ווער געהאלפן, טאר איך זיך אבער נאך אלץ נישט "מייאש" זיין און אויף געבן, ווייל דער זעלבע באשעפער וואס טראגט דעם נאמען: "שַׁדַּ-י" – וואס סימבאלאזירט דאך "הבטחה" און צו זאג אויף גוט'ס צו אונזערע הייליגע אבות הק' ולדורותיהם, דער זעלבע באשעפער טראגט דאך אויך דעם נאמען: "יהו-ה" – וואס סימבאלאזירט דאך דעם: "נאמן לשלם שכר", און די נאמען: "יהו-ה" סימבאלאזירט דאך אויך דעם ענין פון: "גּוֹמֵל טוֹב" – די נאמען: "יהו-ה" סימבאלאזירט דאך אויך דעם ענין אז דער אייבערשטער איז א גוט'ער וואס וועט נאך זיכער העלפן.

און.. יא, דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, אז דוקא היינטיג'ן טאג וואס עס גייט זיך אָן הייבן די גרויסע: "אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים בְּאַדְמַת מִצְרַיִם", און עס גייט זיך יעצט אָן הייבן די וואונדערליכ'ע צעהן מכות וואס עס גייט דא יעצט אָן הייבן צו קומען אויף די מצריים, און מען גייט יעצט אָן הייבן זעהן דעם "יד השם" אפענערהייט.. דוקא יעצט דארפסטו גוט אריין נעמען אין קאפ דעם געדאנק אז דער אייבערשטער טוט שטענדיג נאר גוט'ס פאר די יודישע קינדער.

און די ווארט: "שַׁדַּ-י" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "רְקוּד" [מיט די פיר אותיות], און: "רְקוּד" ווייזט דאך אויף: "שִׂמְחָה" כידוע, ווייל דער אייבערשטער האט דא געוואלט מרמז זיין מיט דעם פאר משה רבינו, אז די יודישע קינדער גייען טאקע יעצט אָן הייבן צו זעהן א ניצחון אין די טמא'נע מצריים, און עס גייט טאקע יעצט ווערן לעבעדיג אין מצרים, און אלע פרעש גייען אָן הייבן צו טאנצן און שפרונגען אויף די מצרים: "מִבַּיִת וּמִחוּץ", און עס גייט טאקע ווערן "יום טוב אין דער וואכן", אבער דוקא יעצט דארפסטו גוט אריין נעמען אין קאפ דעם געדאנק אז דער אייבערשטער טוט שטענדיג נאר גוט'ס פאר די יודישע קינדער, דוקא יעצט – בזמן "השמחה והגאולה".

און דו זאלסט אויך שטענדיג גוט געדענקען משה מיין קנעכט, אז דיינע הייליגע אבות הק' זענען שטענדיג געגאנגען פאר מיר מיט א מורא'דיגע: "תְּמִימוּת", און טראץ דעם וואס: וּשְׁמִי יהו-ה לֹא "נוֹדַעְתִּי" לָהֶם – און טראץ דעם וואס זיי האבן נאך נישט זוכה געווען צו "שפירן" דעם שם: "יהו-ה" – וואס סימבאלאזירט דאך "חסד השם", אפילו אזוי זענען זיי אבער נאך אלץ געגאנגען פאר מיר מיט א מורא'דיגע: "תְּמִימוּת" ווי געטרייע פאסטעכער, און אפילו זיי האבן נאך נישט זוכה געווען צו שפירן מיין גרויסן נאמען: "יהו-ה" – וואס סימבאלאזירט דאך דעם: "נאמן לשלם שכר טוב", האבן זיי אבער נאך אלץ שטענדיג מקיים געווען דעם פסוק פון: "הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה תָמִים", און זיי זענען שטענדיג געגאנגען: "בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה".

און דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, א געב נאר א קוק אויף דיינע הייליגע אבות הק', זיי זענען דאך שטענדיג געבליבן נאנט צו מיר, און זיי זענען דאך שטענדיג געגאנגען פאר מיר מיט א מורא'דיגע: "תְּמִימוּת" טראץ דעם וואס זיי האבן נאך נישט זוכה געווען צו זעהן מיט די אייגענ'ע אויגן די אלע גוטע זאכן וואס איך האב זיי צו געזאגט אז איך וועל זיי נאך געבן.

ווייל.. יא, דאס איז די ריכטיגע וועג ווי אזוי א יודיש קינד דארף זיך צו פירן, א יודיש קינד דארף שטענדיג לעבן מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער, און א יודיש קינד דארף גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז טראץ דעם וואס איך זעה נישט דעם אייבערשטן, און טראץ דעם וואס איך זעה נישט די אלע ישועות וואס איך וואלט געוואלט באקומען מן השמים, גיי איך אבער נאך אלץ נישט אוועק גיין פון דעם אייבערשטן וועגן דעם, ווייל דאס וואס איך זעה נישט מיין ישועה איז דאך נאר איין גרויסע

"נסיון" פון דעם אייבערשטן, ווייל דער אייבערשטער וויל זעהן ווי לאנג איך וועל זיך קענען האלטן און ווי לאנג וועל איך קענען זאגן דעם: "אֲנִי מַאֲמִין" מיט א זיכער'ע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים"..?! דער אייבערשטער וויל זעהן ווי לאנג דאס וועט נאך קענען אָן האלטן אזוי..?! און דער אייבערשטער איז: "מַשְׁגִּיחַ מִן הַחֲלֹּנוֹת" – און דער אייבערשטער קוקט ארויס פון די פענסטער'ס פון די הימלען (כביכול) כדי צו זעהן ווי לאנג דער מענטש וועט נאך קענען אזוי אָן ציען, און פון דעם וואס דער מענטש איז זיך מחזק מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער אז עס וועט נאך זיכער זיין גוט, האט דער אייבערשטער גאר א גרויסע: "נַחַת רוּחַ".

ווייל ווען דער אייבערשטער זעהט, אז א יודיש קינד גייט איהם שטענדיג נאך בלינדערהייט, אָן קיין שום חשבונות, און אָן קיין שום קשיות, און ער גייט נישט נאך דעם אייבערשטן ווייל ער "פארשטייט" דעם אייבערשטן, אדער ווייל ער "זעהט" דעם אייבערשטן, ניין ניין, נאר ער גייט נאך דעם אייבערשטן ווייל ער איז א יודיש קינד, און די יודישע קינדער זענען דאך: "מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים", און ממילא וועגן דעם גייט ער נאך דעם אייבערשטן מיט א: "תְּמִימוּת", ווייל א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג גיין מיטן אייבערשטן: "בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת", און ווען דער אייבערשטער זעהט אז א יודיש קינד גייט איהם טאקע שטענדיג נאך: "בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת", באקומט דעמאלט'ס דער אייבערשטער גאר גאר א גרויסע: "נַחַת רוּחַ" פון דעם.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די ווערטער פון: "מַשְׁגִּיחַ מִן הַחֲלֹּנוֹת" וגו' וואס עס שטייט אין שיר השירים, ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "מַשְׁגִּיחַ מִן הַחֲלֹּנוֹת" – איז דאך גימטריא: "פֶּה", ווייל.. יא, דער אייבערשטער איז א: "מַשְׁגִּיחַ מִן הַחֲלֹּנוֹת" און ער ווארט צו זעהן ווי לאנג דער מענטש וועט נאך קענען זאגן מיט זיין מויל דעם: "אֲנִי מַאֲמִין" מיט אזא ריינע זיכער'ע: "אֱמוּנָה" אין דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב"..?! און דער אייבערשטער טראכט (כביכול) צו זיך, אז ווי לאנג וועט דער יענקל'ע קענען אָן גיין אין זיין שווער'ן מצב מיט אזא ריינע זיכער'ע: "אֱמוּנָה" אין דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב"..?!

און פון דעם וואס א מענטש גייט: "בִּתְמִימוּת" אלע זיינע טעג מיטן אייבערשטן, האט דער אייבערשטער גאר גאר א גרויסע: "נַחַת רוּחַ", ווייל ווי אזוי האט דער הייליגער נחל נובע מקור חכמה רבי נחמן מברסלב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל געזאגט..?! אז אלע צדיקים האבן נאר משיג געווען זייערע אלע הויעכ'ע מדריגות דורך דעם וואס זיי האבן זיך געפירט: "בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת", און די ווערטער: "מַשְׁגִּיחַ מִן הַחֲלֹּנוֹת" – איז דאך טאקע סופי תיבות: "נַחַת", ווייל.. יא, דורך דעם וואס דער אייבערשטער זעהט אז א יודיש קינד גייט איהם נאך: "בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת" טראץ דעם וואס ער געפונט זיך אין אזעלכע שווערע מצבים, באקומט דעמאלט'ס דער אייבערשטער גאר א גרויסע: "נַחַת רוּחַ" פון דעם.

און די זעלבע זאך קען מען טאקע אויך זאגן אויף דעם צווייטן האלב פון דעם פסוק וואס עס שטייט די ווערטער: "מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים", ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "פֶּה", ווייל.. יא, דער אייבערשטער קוקט אזוי שטארק ארויס פון די שפאלטענע'ס פון די הימלען כדי צו זעהן ווי לאנג דער יוד וועט קענען שרייען מיט זיין מויל דעם: "אֲנִי מַאֲמִין" בלינדערהייט טראץ דעם וואס ער זעהט גארנישט און עס איז איהם טונקל שווארץ.

און דער אייבערשטער זעהט דאך אויך פון דעם שפאלט, ווי דער יצר הרע קומט פלוצלונג אָן צו א מענטש, און דער יצר הרע רעדט איהם דעמאלט'ס איין, אז נע.. וואס מאכסטו זיך נאריש..?! דער אייבערשטער קוקט דאך ניט אמאל אויף דיר..?! און דער אייבערשטער האט דאך שוין פון לאנג פארגעסן פון דיר ח"ו..?! אבער ווען דער אייבערשטער זעהט אז דער מענטש שלאגט זיך מיט זיין יצר הרע, און ער שרייט נאך אמאל ארויס מיט זיין מויל דעם: "אֲנִי מַאֲמִין" בלינדערהייט טראץ דעם וואס עס איז איהם טונקל שווארץ, האט דעמאלט'ס דער אייבערשטער גאר גאר א גרויסע: "נַחַת רוּחַ" פון דעם, אזוי ווי עס

איז טאקע מרומז אין די ווערטער פון דעם פסוק: "מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים", און דאס איז די פשט פון די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**מֵ**צִיץ **מִ**ן **הַ**חֲרַכִּים" – וואס איז דאך גימטריא: "פֶּה", [אזוי ווי מיר האבן דאך שוין פריער דערמאנט].

און די ווערטער: "מֵצִי**ץ** מִ**ן** הַחֲרַכִּי**ם**" – איז דאך טאקע אויך סופי תיבות: "נְצַם" – זיך שלאגן, ווייל דורך דעם וואס א יודיש קינד "שלאגט" זיך מיט זיין יצר הרע כדי צו קענען נאך אמאל ארויס שרייען מיט זיין: "פֶּה" דעם: "אֲנִי מַאֲמִין" בלינדערהייט – דורך דעם וואס א יודיש קינד "שלאגט" זיך מיט זיין יצר הרע כדי צו קענען נאך אמאל ארויס שרייען מיט זיין "מויל" דעם: "אֲנִי מַאֲמִין" בלינדערהייט, באקומט דעמאלט'ס דער אייבערשטער פון דעם גאר גאר א גרויסע: "נַחַת רוּחַ", ווייל דורך דעם א יודיש קינד דער האלט זיך אין זיינע שווערע מצבים, און ער לאזט זיך נישט נאך פון דעם שלעכט'ן יצר הרע וואס וויל איהם נאר צוברעכן, מאכט ער דורך דעם ליכטיג אין אלע עולמות עליונים, און ער ברענגט דעמאלט'ס אריין א: "שִׂמְחָה" אין אלע וועלט'ן, און ממילא לאמיר טייערע יודן לעבן א "לעבעדיגע לעבן" – לאמיר לעבן א לעבן פון: "חַי", אבער איין מינוט, איך פארשטיי נישט וואס דו זאגס'ט מיר דא, וואס מיינט א לעבן פון: "חַי"..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז א לעבן פון: "חַי" מיינט, א "לעבעדיגע לעבן", ווייל די ווארט: "חַי" – איז דאך ראשי תיבות: "**חַ**זַק **יִ**שְׂרָאֵל":

וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים וגו': עס ווערט געברענגט אין חז"ל, אז ווען עס קומט אָן חודש: "אֱלוּל", דעמאלט'ס ווערט גלייך א מורא'דיגע ערד ציטערניש אויפן וועלט, עד כדי כך, אז אפילו די פיש אין די וואסער.. ציטער'ן אויך, אזעלכע פארכטיגע טעג זענען די הייליגע: "יְמֵי אֱלוּל", און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין די ספרים הק', אז די תשובה וואס מען טוט אין חודש: "אֱלוּל" איז תשובה "מיראה", ווייל א יעדער איינער ציטער'ט דאך דעמאלט'ס ווי אזוי עס וועט א דורך גיין זיין משפט אין דעם פארכטיג'ן טאג "ראש השנה", און ממילא וועגן דעם טוט יעדער איינער תשובה, אבער משא"כ "פורים" טוען אלע יודישע קינדער תשובה "מאהבה", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין מגילת אסתר (קפיטל ט' פסוק כ"ז), אז: "קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים עֲלֵיהֶם וְעַל זַרְעָם" – אז "פורים" האט מען נאך אמאל מקבל געווען דער הייליגער תורה הק' "מאהבה", און מען האט דעמאלט'ס תשובה געטוהן "מאהבה", און עס איז געווען דעמאלט'ס א בחינה פון "יראת הרוממות", אזוי ווי עס ווערט דאך שוין טאקע געברענגט אין חז"ל.

אבער ועל כולם.. זענען דאך אבער נאך אלץ איבער געבליבן די פארכטיגע: "יְמֵי אֱלוּל" פאר "ימים נוראים" – פאר פארכטיג'ע טעג וואס מען טוט דעמאלט'ס תשובה "מיראה", און די תשובה וואס מען טוט אין די: "יְמֵי אֱלוּל" איז דאך אינגאנצן א אנדערע סארט תשובה ווי די תשובה וואס מען טוט "פורים".

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז פארוואס טאקע..?! און דאס מיינט צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז פארוואס טאקע דארף מען בכלל האבן אזא זאך ווי תשובה "מיראה", עס איז דאך אסאך א גרעסער'ע מדריגה תשובה צו טוהן "מאהבה"..?! אבער די קשיא איז דאך בעצם נישט קיין קשיא, ווייל מיר וייסן דאך שוין אלע די כלל וואס עס ווערט דאך שוין געברענגט אין די ספרים הק', אז קודם קומט: "יראת העונש", און ערשט שפעטער קומט: "יראת הרוממות", ווייל נישט יעדער איינער האלט שוין ביי דעם אז ער קען זאגן אויף זיך אז ער טוט טאקע באמת תשובה "מאהבה", און ממילא וועגן דעם איז געבליבן די פארכטיגע: "יְמֵי אֱלוּל" אלץ "ימים נוראים" וואס מען טוט דעמאלט'ס תשובה "מיראה".

און נאך א טעם פארוואס די: "יְמֵי אֱלוּל" זענען געבליבן פאר "ימים נוראים" איז, ווייל עס שטייט דאך שוין אין די ספרים הק', אז עס מוז דאך זיין א צייט אין די יאר וואס כלל ישראל זאל זיך נאך אמאל קענען צוזאמען נעמען, און זיך נאך אמאל צו בינדן צו דעם אייבערשטן און צו זיין הייליגער תורה הק' מיט א שטארקע "קשר", און עס מוז דאך זיין א צייט אין די יאר וואס מען זאל זיך קענען צוזאם נעמען אין די בתי מדרשות און תשובה טוהן בציבור, און ממילא וועגן דעם איז בכלל נישט קיין קשיא פארוואס עס איז

דא א צייט אין די יאר וואס איז מיוחד פאר תשובה "מיראה", ווייל נאך אלעמען מוז דאך זיין א צייט אין די יאר וואס כלל ישראל זאל שפירן די: "יראת יהו-ה" אין די לופט, און נאך אלעמען מוז דאך זיין א צייט אין די יאר וואס עס זאל דעמאלט'ס זיין א בחינה פון: "וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר", און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע זייער גוט, אז חז"ל דרש'נען דאך שוין פון די ווערטער: "וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר" אז: "כפה עליהם הר כגיגית" – אז דער אייבערשטער האט אויף געהויבן דעם גאנצן בארג סיני העכער די קעפ פון די יודישע קינדער, און דער אייבערשטער האט זיי דעמאלט'ס "געצוואונגען" מקבל צו זיין אויף זיך דעם: "עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם".

און עס איז דאך אין לשער וואס פאר א גרויסע רעש עס טוט זיך אפ אויבן אין הימל אין דעם טאג פון "ראש השנה", ווייל יודישע קינדער ווערן דאך דעמאלט'ס צוריק גענומען צום אייבערשטן מיט א מורא'דיגע כח המשיכה עד אין לשער, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין די ספרים הק', און גאנץ כלל ישראל ווערט דאך דעמאלט'ס נאך אמאל צוריק גענומען אויף די שויס פון דעם אייבערשטן [כביכול].

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם" וגו', ווייל די ווערטער: "**וְ**לָקַחְתִּי **אֶ**תְכֶם **לִ**י **לְ**עָם" – איז דאך ראשי תיבות: "אֱלוּל", כדי צו מרמז זיין פאר א יודיש קינד, אז אין חודש: "אֱלוּל" ווערט טאקע באמת נתקיים דעם: "וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם" במילואו, ווייל די יודישע קינדער גייען דאך דעמאלט'ס צוריק צום אייבערשטן דורך דעם שטארקן "כח המשיכה" וואס שלעפט זיי צוריק צו זייער הייליגן טאטן אין הימל, און מיר אלע גייען דאך אריין ראש השנה אין בית המדרש מיט איין איינציג'ן ציל, און דאס איז, ווייל מיר ווילן שעפן נייע: "יראת יהו-ה" פאר א גאנץ יאר, און די כוונה פון דעם איז, כדי אז אויב מיר וועלן דערגרייכן אינמיטן פון די יאר די גרויסע מדריגה פון: "יראת הרוממות", זאלן מיר אבער דעמאלט'ס ח"ו נישט פארגעסן אינגאנצן דעם ענין פון: "יראת העונש", נאר מיר זאלן האבן ביידע אין הארץ, ווייל פון איין זייט זאלן מיר טאקע שפירן דעם: "יראת הרוממות" אין הארץ, אבער פון די אנדערע זייט זאלן מיר ח"ו נישט פארגעסן פון דעם: "יראת יהו-ה" וואס איז דאך א כלליות'דיגע "יראה" פאר א יעדעם איינעם – פאר א יעדע פשוט'ע יודיש קינד.

און ממילא דאס איז פשט אין דעם פסוק פון: "וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם" וגו', ווייל דער אייבערשטער זאגט דא פאר די יודישע קינדער, אז: "**וְ**לָקַחְתִּי **אֶ**תְכֶם **לִ**י **לְ**עָם" – אז א דאנק די הייליגע טעג פון: "אֱלוּל" וועלן ענק טאקע שטענדיג קענען געדענקען אז: וְהָיִיתִי לָכֶם "לֵאלֹקִים" – א דאנק די הייליגע טעג פון: "אֱלוּל" וועלן ענק טאקע שטענדיג קענען געדענקען אז איך בין ענקער: "אֱלֹקִים", און די ווארט: "אֱלֹקִים" ווייזט דאך אויף: "יראת יהו-ה הכללי" כידוע.

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז פארוואס איז טאקע אזוי וויכטיג צו האבן: "יראת העונש" א יעדע מינוט פון דעם טאג, און נישט: "יראת הרוממות"..?! "יראת הרוממות" איז דאך אסאך א העכער'ע מדריגה ווי פשוט'ע: "יראת העונש"..?! אבער די תירוץ אויף דעם איז, אז די סיבה פארוואס א יודיש קינד מוז אויך פארמאגן פשוט'ע: "יראת העונש" איז, ווייל גלייך נאך דעם פארכטיג'ן: "מַעֲמַד הַר סִינַי" האט זיך דאך דער אייבערשטער גלייך אָן גערופן צו די יודישע קינדער און געזאגט, אז: "וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם" – אז אלעס איז טאקע זייער פיין און וואויל, אבער: "יראת העונש" מוז שטענדיג זיין אויס געשפרייט אויף א יודיש קינד, איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל: "לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ" – ווייל ענק האבן דאך אלע למעשה גאר א גרויסע יצר הרע, און ממילא וועגן דעם טארן ענק נישט אינגאנצן אוועק לייגן דעם: "יראת העונש" פון ענק.

אבער פון די אנדערע זייט, איז דאך אבער אויך דא נאך א סארט "יראה", און די אנדערע סארט יראה רופט זיך: "יראת הרוממות", און וועגן דעם פירט טאקע אויס די פסוק אין די וואכעדיגע פרשה, אז: "וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם" – אז איר זאלט שטענדיג געדענקען דעם: "יהו-ה" פון איין זייט, און:

"יהו-ה" גייט דאך ארויף אויף א מענטש וואס דינט דעם אייבערשטן מתוך "אהבה" – מתוך "יראת הרוממות" כידוע, אבער פון די אנדערע זייט דארפט איר אבער אויך גוט געדענקען, אז איך בין דאך אויך: "אֱלֹקֵיכֶם", און די ווארט: "אֱלֹקֵיכֶם" איז דאך רומז אויף: "יראת העונש" כידוע, ווייל.. יא, א יודיש קינד דארף שטענדיג געדענקען ביידע יראה'ס, סיי: "יראת הרוממות", און סיי: "יראת העונש", ווייל א מענטש איז דאך נאר א מענטש, און א מענטש האט דאך נאך א יצר הרע ביי זיך אין הארץ, און ממילא וועגן דעם דארף ער פראבירן צו האבן ביידע סארטן יראה'ס ביי זיך אין הארץ, סיי: "יראת העונש", און סיי: "יראת הרוממות".

און אויף: "יראת הרוממות" זאגט דאך אונז שוין דוד המלך אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "יִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה" – אז אזא סארט יראה ווי: "יראת הרוממות", דאס איז: "עוֹמֶדֶת לָעַד" – דאס האלט זיך שטענדיג ביי א יודיש קינד איינמאל ער האט דאס שוין קונה געווען ביי זיך, אבער.. מען דארף נאר זוכה זיין צו דעם, און ווי קען מען טאקע זוכה זיין צו דעם..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז די איינציג'סטע וועג ווי אזוי א יודיש קינד קען זוכה זיין אָן צו קומען צו: "יראת הרוממות" איז, דורך דעם וואס ער וועט זיך גוט אויס וויינען א יעדן טאג ביים דאווענען ביי די ווערטער: "וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ":

וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלוֹת מִצְרָיִם: עס ווערט דאך שוין געברענגט פון צדיקים,

עס שטייט דאך שוין פון צדיקים, אז עס איז דאך דא היינטיגע צייטן כל מיני מקומות אויף דער וועלט, און א יעדער איינער האט זיך דאך היינטיגע צייטן זיין אייגענ'ע דעה וואו עס ליגט דעם ריכטיג'ן: "אֱמֶת", ווייל דער מענטש וואס קומט פון דעם רבי'ן, שרייט דאך חי וקים אז ביי אונז איז דא די ריכטיגע: "אֱמֶת", און דער מענטש וואס קומט פון דעם רבי'ן, שרייט דאך חי וקים אז ביי אונז איז דא די ריכטיגע: "אֱמֶת", און א יעדער איינער זאגט דאך היינט פאר זיינע חסידים ואנשי מעשה אז ברוך השם.. אז מיר האבן זוכה געווען צו געהערן צו א פלאץ וואס איז אָן געקומען צום דעם ריכטיג'ן: "אֱמֶת".

דארף מען דאך אבער פארשטיין, אז וואס איז טאקע די ריכטיגע: "אֱמֶת"..?! און וואו איז טאקע די ריכטיגע אמת'ע פלאץ אויף דער וועלט..?! ווייל מענטשן האלטן דאך און איין שרייען אז.. ביי אונז איז דא די: "אֱמֶת", און ביי אונז איז דא די: "אֱמֶת", אבער ווען מען קומט אויף א צווייטע פלאץ, דעמאלט'ס הערט מען גלייך ווי מענטשן זאגן אז.. ברוך השם אז "מיר" האבן זוכה געווען אָן צו קומען צום: "אֱמֶת", נו.. וואו איז טאקע די ריכטיגע: "אֱמֶת"..?! יעדער איינער שרייט דאך חי וקים אז ביי זיי איז דא די ריכטיגע: "אֱמֶת", נו וואו איז טאקע די אמת'ע: "אֱמֶת"..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז עס שטייט דאך שוין פון איינער פון די פריער'דיגע צדיקים, אז אויב ווילסטו ויסן וואס די: "אֱמֶת" איז, זאלסטו דעמאלט'ס גוט אריין קוקען אין די ווארט: "אֱמֶת", ווייל די ווארט: "אֱמֶת" איז דאך בעצם צוזאם געשטעלט פון צוויי ווערטער: "אֱ.. מֶת" – דאס איז: "אֶהְיֶה מֵת" – איין טאג גיי איך זיין א טויט'ער, און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז דו ביזט גערעכט טאקע אז דו טוס'ט, און דו מאכס'ט, און דו ערלעדיגס'ט זאכן, אבער עס גייט דאך איין טאג אָן קומען די טאג וואס דו וועסט מוזן צוריק גיין צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין די משנה אין אבות, אז: "עַל כָּרְחֲךָ אַתָּה נוֹצָר" – אז דו ווערס'ט דאך באשאפן געצוואונגענערהייט, און: "וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה נוֹלָד" – און דו ווערס'ט דאך געבוירן געצוואונגענערהייט, און: "וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי" – און דו לעבס'ט דאך געצוואונגענערהייט, און: "וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה מֵת" – און דו שטארבס'ט דאך געצוואונגענערהייט, און: "וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" – און דו וועסט דאך אויך מוזן אפ געבן א דין וחשבון פארן גרויסן: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" ווען די צייט וועט קומען.

און דאס.. איז די ריכטיגע אמת'ע: "אֱמֶת", ווייל די: "אֱמֶת" איז, אז איין טאג וועל איך מוזן צוריק גיין צום: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", און.. יא: "אֶהְיֶה מֵת" – איין טאג גיי איך זיין א טויט'ער און איך וועל ליגן אין די הענט פון: חֶסֶד שֶׁל "אֱמֶת", און איך וועל דעמאלט'ס מוזן אפ געבן א אמת'ע פונקליכ'ע דין וחשבון אויפן: "עוֹלָם הָאֱמֶת", פאר דעם: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת" וויפיל: "תּוֹרַת אֱמֶת" איך האב זוכה געווען צו לערנען דורך אויס מיין גאנצע לעבן וואס איך האב געלעבט אויף דער וועלט.

און אויב עס איז: "אֱמֶת" אז: "אֶהְיֶה מֵת" – און אויב עס איז: "אֱמֶת" אז איך גיי טאקע איין טאג זיין א טויט'ער, דעמאלט'ס דארף איך זיך דאך שוין יעצט זעהן אָן צו גרייטן צו יענעם גרויסן טאג, און מיט א יעדע פעולה וואס איך טוה פארן: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת" – און מיט א יעדע פעולה וואס איך טוה פארן אייבערשטנ'ס וועגן, גרייט איך זיך דאך מיט דעם צו מער און מער צו יענע גרויסע טאג ווען איך וועל דארפן ארויף גיין אויף יענע וועלט און אפ געבן א אמת'ע דין וחשבון אויף אלע מיינע מעשים וואס איך האב נאר געטוהן דורך אויס מיין גאנצן לעבן.

און אויב זוך איך שטענדיג נאך צו לויפן דער הייליגער: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", און איך זוך שטענדיג א וועג ווי אזוי צו זיין "דבוק" אין דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵינוּ אֱמֶת", און איך רעד שטענדיג צום אייבערשטן, און איך לערן שטענדיג זיין הייליגער: "תּוֹרַת אֱמֶת", דעמאלט'ס בין איך טאקע ביי דעם ריכטיג'ן: "אֱמֶת", ווייל די ווארט: "אֱמֶת" האט דאך נאר בעצם צוויי אפ טייטש'ן, און די צוויי אפ טייטש'ן זענען:

1) דער הייליגער: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת".

2) דער הייליגער: "תּוֹרַת אֱמֶת".

און די סיבה פארוואס מיר האבן דערמאנט די ווארט: "בְּעֶצֶם" איז, ווייל אין אמת'ן איז דאך: "בְּעֶצֶם" דא נאך צוויי אפ טייטש'ן אויף די ווארט: "אֱמֶת", און די אנדערע צוויי אפ טייטש'ן אויף די ווארט: "אֱמֶת" זענען: 3) דער: "עוֹלָם הָאֱמֶת", 4) דער הייליגער יודיש קינד, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק, אז: "תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב".

און די אלע פיר זאכן גייען דאך בעצם צוזאמען, ווייל אויב א "יודיש קינד" פארשטייט טאקע באמת אז ער גייט טאקע איין טאג אָן קומען אויף דעם: "עוֹלָם הָאֱמֶת" און ער וועט דעמאלט'ס מוזן אפ געבן א אמת'ע פונקטליכ'ע דין וחשבון פאר דעם: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", דעמאלט'ס זוכט ער דאך שוין מער נישט נאך צו לויפן דעם פאלטש'ן: "עוֹלָם הַשֶּׁקֶר", נאר ער נעמט זיך שוין דעמאלט'ס נאך לויפן דער הייליגער: "תּוֹרַת אֱמֶת", און ער נעמט זיך שוין דעמאלט'ס נאך לויפן דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת" כדי צו זיין דבוק אין איהם, ווייל דאס איז דאך די אמת'ע: "אֱמֶת", די אמת'ע: "אֱמֶת" האט דאך בעצם נאר צוויי אפ טייטש'ן, און די צוויי אפ טייטש'ן זענען: 1) דער הייליגער: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", 2) דער הייליגער: "תּוֹרַת אֱמֶת".

און די אנדערע צוויי טייטש'ן וואס מיר האבן פריער דערמאנט איז דאך נאר א "וועג" ווי אזוי צו קענען צו קומען צו די צוויי אמת'ע אפ טייטש'ן פון די ווארט: "אֱמֶת", ווייל מען מוז דאך זיין א "יודיש קינד" כדי צו קענען צו קומען צו דער הייליגער: "תּוֹרַת אֱמֶת" און זיין דבוק אין דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", ווייל א טמא'נע גוי קען דאך נישט לערנען דער הייליגער תורה הק', און אוודאי און אוודאי קען ער נישט זיין דבוק אין דעם הייליגן באשעפער.

אבער דאס אליין איז דאך אויך נישט גענוג, ווייל אויב לעבט מען אָן קיין: "הִתְבּוֹנְנוּת" אין דעם: "דַּע מֵאַיִן בָּאתָ וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן" וגו', דעמאלט'ס קען מען דאך אויך נישט זוכה זיין צו צו קומען צו דער הייליגער: "תּוֹרַת אֱמֶת" און זיין דבוק אין דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", ווייל א יודיש קינד מוז דאך פארשטיין ביי זיך וואס דאס מיינט אז איין טאג וועל איך מוזן ארויף

גיין אויף דעם: "עוֹלָם הָאֱמֶת", און איך וועל דעמאלט'ס מוזן אפ געבן א פונקטליכ'ע דין וחשבון פארן הייליגן באשעפער.

און די נקודה אז מען דארף זיין א "יודיש קינד" כדי צו קענען צו קומען צו דעם הייליגן: "תּוֹרַת אֱמֶת" און צום הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת".. פארשטייט דאך שוין א יעדער חדר יונגל, און די נקודה אז א מענטש דארף טאקע באמת פארשטיין אז איך וועל איין טאג מוזן ארויף גיין אויף דעם: "עוֹלָם הָאֱמֶת" און אפ געבן א פונקטליכ'ע דין וחשבון פארן הייליגן באשעפער.. איז דאך שוין אויך א פשוט'ע זאך וואס א יעדער בר דעת פארשטייט דאך שוין פון זיך אליין, ווייל ווי אזוי דען ווילסטו לעבן א ערליך יודיש לעבן אויב פארשטייסטו נישט אז דו וועסט איין טאג מוזן ארויף קומען אויף דעם: "עוֹלָם הָאֱמֶת" און אפ געבן א פונקטליכ'ע דין וחשבון פארן גרויסן: "בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים"..?! ווי אזוי..?! די נידריגע וועלט שלעפט דאך אראפ א יעדע מענטש צו די נידריג'סטע תאות והבלי עולם הזה..?!

און ווי אזוי ווילסטו אָן קומען צו זיין א ערליכע יוד אויב דו פארגעסט אינגאנצן פון דעם: "וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ" – ווי אזוי ווילסטו אָן קומען צו זיין א ערליכע יוד אויב דו פארגעסט אינגאנצן פון דעם: "יוֹם הַמִּיתָה" ווען דו וועסט מוזן ארויף גיין אויף דעם: "עוֹלָם הָאֱמֶת" און אפ געבן א פונקטליכ'ע דין וחשבון אויף אלע דיינע מעשים..?! אויב דו ביזט אינגאנצן איין געזינקען אין דעם נידריג'ן: "עוֹלָם הַשֶּׁקֶר", און דו האסט אינגאנצן פארגעסן אז עס איז בכלל דא אזא זאך ווי א: "עוֹלָם הָאֱמֶת", דעמאלט'ס ווי אזוי ווילסטו בכלל אויף וואקסן א ערליכע יודיש קינד..?!

און ממילא עס איז דאך א פשוט'ע זאך אז א מענטש מוז גוט פארשטיין וואס דאס מיינט אז עס עקזעסטירט אזא זאך ווי א: "עוֹלָם הָאֱמֶת", ווייל אויב גלייבסטו נאר אין איין נידריגע וועלט, דעמאלט'ס איז דאך אום מעגליך אויף צו וואקסן א ערליכע יודיש קינד..?!

און.. יא: "וּמוֹדֶה עַל הָאֱמֶת" – א יודיש קינד מוז דאך מודה זיין אז עס איז דא אזא זאך ווי א: "עוֹלָם הָאֱמֶת", (און: וְדוֹבֵר "אֱמֶת" בִּלְבָבוֹ – און ער דארף דאך זיין אמת'דיג מיט זיך אליין, און דאס איז דאך שוין טאקע איינער פון די דריי שטערקסט'ע יסודות וואס אונזערע הייליגע רבי'ס האבן דאך אונז שוין טאקע אוועק געשטעלט, אז א מענטש דארף זיין אמת'דיג מיט זיך אליין, און דאס איז דאך טאקע איינער פון די גרעסטע שליסלעך פון "הצלחה" אויף דער וועלט), און: "וּמוֹדֶה עַל הָאֱמֶת" – און נאר נאך דעם וואס דו פארשטייס'ט שוין טאקע באמת וואס דאס מיינט אז עס איז דא אזא זאך ווי א: "עוֹלָם הָאֱמֶת", ערשט דעמאלט'ס: "וַיַּשְׁכֵּם וַיֹּאמַר" – ערשט דעמאלט'ס קענסטו זיך ערשט שטעלן דאווענען א ווארימ'ע הייליגע דאווענען פארן הייליגן באשעפער.

ווייל ווי לאנג: "טָפַלְנוּ שֶׁקֶר" – ווייל ווי לאנג א מענטש איז נאך טפל צום: "שֶׁקֶר" – ווייל ווי לאנג א מענטש איז נאך צו געבינדן צו דעם נאריש'ן: "עוֹלָם הַשֶּׁקֶר", און ער גלייבט נאך נעבעך אין דעם נאריש'ן נידריג'ן וועלט'ל, דעמאלט'ס איז איהם נאך שווער צו זיין דבוק אין דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵינוּ אֱמֶת".

אבער איינמאל א מענטש נעמט אריין ביי זיך אין קאפ אז עס איז נישט דא וואס צו זוכן אין דעם נאריש'ן נידריג'ן: "עוֹלָם הַשֶּׁקֶר", דעמאלט'ס קען ער טאקע זוכה זיין צו זיין דבוק אין דעם גרויסן הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵינוּ אֱמֶת" און איהם שטענדיג רופן ווען עס גייט איהם עפעס שווער, און: קָרוֹב יהו-ה לְכָל קֹרְאָיו לְכָל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ "בֶאֱמֶת" – און דער אייבערשטער איז טאקע נאנט צו אזא איינער וואס געפונט זיך שוין טאקע ביים ריכטיג'ן: "אֱמֶת", און די ריכטיגע: "אֱמֶת" איז, צו פארשטיין אז עס איז נישט דא וואס צו זוכן אין דעם נידריג'ן נאריש'ן: "עוֹלָם הַשֶּׁקֶר", און די אמת'ע: "אֱמֶת" איז, צו פארשטיין אז עס איז נישט פארהאן קיין אמת'ע "תענוגים" אויף דער וועלט, ווייל דער הייליגער באשעפער איז דאך די "מקור התענוגים", און די אמת'ע וועג ווי אזוי א מענטש קען זיך מתענג זיין אויף דער וועלט איז דאך נאר דורך דעם וואס ער איז זיך מדבק אין דעם הייליגן באשעפער וואס איז דאך די "מקור התענוגים".

און ווי אזוי זאגט אונז די פסוק..?! אז: "אָז תִּתְעַנַּג עַל יהו-ה", און די ווארט: "אָז" – איז דאך ראשי תיבות: "זֶרַע אַבְרָהָם", ווייל.. יא, דו זאלסט גוט וויסן און גוט געדענקען ר' יוד, אז: "אָז" – אז קינדער וואס שטאמען אזעלכע הייליגע אבות הקדושים, זענען זיך נישט מתענג מיט קיין נאריש'ע נדריגע תאות עולם הזה, ניין ניין ניין, נאר דו ווייסט וואו: "בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב" זענען זיך מתענג..?! איך וועל דיר זאגן וואו: "בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב" זענען זיך מתענג, זיי זענען: "תִּתְעַנַּג עַל יהו-ה" – זיי זענען זיך מתענג מיט דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" וואס איז דאך די "מקור התענוגים".

און ווי אזוי זאגט דער הייליגער תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי אין זיין הייליגן ספר הזוהר הקדוש אין פרשת יתרו..?! וזלה"ק, אז: "רַבִּי שִׁמְעוֹן אָמַר" – אז דער הייליגער תנא רבי שמעון האט געזאגט, אז: הַאי מַאן "דְּאַשְׁלִים" תְּלַת סְעוּדְתֵי בְּשַׁבַּתָּא – אז א יעדער איינער וואס האט "משלים" געווען די דריי סעודות פון "שבת קודש", איז: "קָלָא נָפִיק וּמַכְרְזָא עֲלֵהּ" – גייט דעמאלט'ס ארויס א בת קול פון הימל וואס רופט אויס אויף דעם מענטש די ווערטער: "אָז תִּתְעַנַּג עַל יהו-ה".

אבער עס איז כדי אָן צו מערקן, אז עס שטייט דאך נישט אין דעם הייליגן זוהר הקדוש דעם לשון אז: הַאי מַאן "דְּאָכִיל" תְּלַת סְעוּדְתֵי בְּשַׁבַּתָּא – אז עס שטייט דאך נישט אין דעם הייליגן זוהר הקדוש דעם לשון אז דער וואס עס האט "געגעסן" דריי סעודות שבת קודש גייט ארויס אויף איהם די בת קול פון: "אָז תִּתְעַנַּג עַל יהו-ה", נאר עס שטייט אין דעם הייליגן זוהר הק' דעם לשון, אז: "רַבִּי שִׁמְעוֹן אָמַר" – אז דער הייליגער תנא רבי שמעון האט געזאגט, אז: הַאי מַאן "דְּאַשְׁלִים" תְּלַת סְעוּדְתֵי בְּשַׁבַּתָּא – אז א יעדער איינער וואס האט "משלים" די דריי סעודות פון שבת קודש, אבער איין מינוט, וואס מיינט "משלים" געווען..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז "משלים" געווען מיינט, "משלים" געווען מיט: "זְמִירוֹת שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת לְמֶּלֶךְ אֵ-ל חַי וְקַיָּם", ווייל דער הייליגער זוהר הקדוש שרייבט דאך שוין בפירוש גלייך נאך דעם (אין פרשת יתרו), אז: "לְקַבְּלֵהּ" – אז פון די אנדערע זייט דארף מען דאך אבער אויך וויסן, אז: בָּעֵי "לְאַשְׁלָמָא" סְעוּדְתֵהּ – אז א יודיש קינד דארף אויך זעהן "משלים" צו זיין די הייליגע סעודות שבת קודש מיט: "זְמִירוֹת שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת לְמֶּלֶךְ אֵ-ל חַי וְקַיָּם", און נישט סתם אפ עסן א סעודת שבת קודש אזוי ווי א פשוט'ע פראסטע וואכעדיגע סעודה, נאר מען דארף זעהן צו זינגען: "זְמִירוֹת שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת" פארן הייליגן באשעפער וואס האט אונז געגעבן דעם שיינעם מתנה וואס הייסט "שבת קודש", און עס איז אמת טאקע אז: "וּבָעֵי לְאִתְעַנָּגָא בְּכֻלְּהוּ סְעוּדְתֵי" – און עס איז אמת טאקע אז מען דארף זיך טאקע מתענג זיין ביי די הייליגע סעודות שבת קודש, אבער: "וּלְמֶחֱדֵי בְּכָל חַד וְחַד מִנַּיְהוּ" – אבער מען דארף זיך דאך אבער אויך גאר שטארק פרייען ביי א יעדע איינס פון זיי, און מען דארף דאך מקיים זיין דעם: "תְּנוּ שֶׁבַח וְשִׁירָה לָאֵ-ל אֲשֶׁר שַׁבָּת בָּרָא".

און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע א יעדן שבת קודש ביי דעם פיוט פון: "לְכָה דוֹדִי", אז: "הִתְעוֹרְרִי הִתְעוֹרְרִי" – אז וועקט'ס ענק אויף וועקט'ס ענק אויף יודישע קינדער פון ענקער טיפע שלאף, אבער דו ווייסט פארוואס..?! ווייל: "כִּי בָא אוֹרֵךְ" – ווייל עס קומט דאך דא גאר א גרויסער גאסט, און עס פאסט דאך נישט צו שלאפן ווען עס קומט אריין אין שטוב אזא גרויסע חשוב'ע גאסט, אבער דו ווייסט ווי אזוי: "עוּרִי עוּרִי" – אבער דו ווייסט ווי אזוי מען וועקט אויף די הייליגע יודישע נשמה אין דעם הייליגן טאג פון "שבת קודש"..?! איך וועל דיר זאגן ווי אזוי, דורך: "שִׁיר דַּבֵּרִי" – דורך דעם וואס מען זינגט צום הייליגן באשעפער, ווייל דורך דעם וועט דאך זיין: "כְּבוֹד יהו-ה עָלַיִךְ נִגְלָה" – ווייל דורך דעם וואס מען זינגט צום הייליגן באשעפער וועט דאך נתגלה ווערן ביי דיר די כבוד פון דעם הייליגן באשעפער.

און ממילא: "לֹא תֵבוֹשִׁי וְלֹא תִכָּלְמִי" – און ממילא שעמט'ס ענק נישט צו זינגען צום הייליגן באשעפער, ווייל די ענין פון: "זְמִירוֹת שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת בְּרָכוֹת וְהוֹדָאוֹת לְמֶּלֶךְ אֵ-ל חַי וְקַיָּם" וועט דאך נאר צו ברענגען אז: "וְנִבְנְתָה עִיר עַל תִּלָּהּ" – ווייל די ענין פון: "זְמִירוֹת שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת בְּרָכוֹת וְהוֹדָאוֹת לְמֶּלֶךְ

אֵ-ל חַי וְקַיָּם" וועט דאך נאר צו ברענגען אז דער הייליגער באשעפער זאל שוין אויף בויען ירושלים עיר הקודש און אונז ברענגען: "מְשִׁיחַ צִדְקֵינוּ", ווייל עס שטייט דאך שוין בפירוש אין חז"ל, אז: "אִלוּ שָׁמְרוּ יִשְׂרָאֵל שְׁנֵי שַׁבָּתוֹת מִיַּד נִגְאָלִין", און די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**אִ**לוּ **שָׁ**מְרוּ **יִ**שְׂרָאֵל" – איז דאך ראשי תיבות: "אִשִׁי" – א "פלאם פייער", ווייל.. יא, אויב עס וואלט געהערש'ט א: "אִשֵּׁי יִשְׂרָאֵל" – אויב עס וואלט געהערש'ט א "פלאם פייער" פון א יודיש קינד אין דעם הייליגן שבת קודש, דעמאלט'ס: "מִיַּד נִגְאָלִין" – דעמאלט'ס וואלטן מיר דאך שוין פון לאנג געווען אויס געלייזט פון דעם שווער'ן ביטער'ן גלות.

אבער וועלכע מזמור געהערט צום הייליגן טאג פון שבת קודש..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז די הייליגע מזמור פון: "מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת" געהערט צום הייליגן טאג פון שבת קודש, און וואס איז: "מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת"..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז: "מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת" איז, איין זאך, און דאס איז, אז: "טוֹב לְהֹדוֹת לַיהו-ה וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן" – צו דאנקען און לויבן דעם הייליגן באשעפער אויף דעם גרויסן: "מתנה טובה" וואס ער האט אונז געגעבן: "בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן", און דאס איז דאך: "שַׁבַּת קָדְשֶׁךָ" – און דאס איז דאך זיין הייליגער שבת קודש וואס: "כִּי בוֹ שָׁבַת אֵ-ל מִכָּל מְלַאכְתּוֹ".

און דער הייליגער זוהר הקדוש זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך אין פרשת יתרו, וזלה"ק, אז: "רַבִּי אַבָּא" (אדער לפי נוסח אחר: "רַב הַמְנוּנָא סָבָא") כַּד הֲוָה יָתִיב בִּסְעוּדָתָא דְשַׁבְּתָא הֲוֵי חָדֵי בְּכָל חַד וְחַד" – אז רבי אבא (אדער: "רַב הַמְנוּנָא סָבָא") פלעגט זיך גאר שטארק פרייען ביי א יעדע איינציגע סעודה פון די הייליגע סעודות שבת קודש, און: "כַּד הֲוָה אַשְׁלִים סְעוּדְתֵּי" – און ווען ער האט גע'ענדיגט די הייליגע סעודת שבת קודש, דעמאלט'ס: "אָמַר" – האט ער דעמאלט'ס געזאגט, אז: "אַשְׁלִימוּ סְעוּדְתֵי דְמְהֵימְנוּתָא" – אז דאס הייסט "משלים" געווען די הייליגע: "סְעוּדְתֵי דְמְהֵימְנוּתָא".

ווייל.. יא, "משלים" געווען א סעודת שבת קודש הייסט נאר דורך דעם וואס מען איז "משלים" די סעודה מיט ווארימ'ע: "זְמִירוֹת שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת לְמֶלֶךְ אֵ-ל חַי וְקַיָּם" מיט א אמת'ע: "שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה", און דאס איז אמת'ע סחורה, און דאס איז אמת'ע תענוגים, און ווען א מענטש פראבירט זיך שטענדיג מדבק צו זיין אין דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת" מיט א: "שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה", און ער בעט שטענדיג דעם הייליגן באשעפער אז: "וְתֵן בָּנוּ יֵצֶר טוֹב לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת" – און ער בעט שטענדיג דעם הייליגן באשעפער אז ער זאל איהם פירן: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת" ברוחניות ובגשמיות, דעמאלט'ס זאל ער וויסן אז ער איז טאקע ביי דעם ריכטיג'ן אמת'ן: "אֱמֶת".

און ממילא וועגן דעם האבן מיר טאקע פריער דערמאנט, אז די צוויי עיקר טייטש'ן וואס טייטש'ט אפ די ווארט: "אֱמֶת" זענען: 1) דער הייליגער: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", 2) און דער הייליגער: "תּוֹרַת אֱמֶת", ווייל דאס אז א יודיש קינד (וואס ווערט אָן גערופן: "אֱמֶת", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע אין פסוק אז: "תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב") דארף גלייבן אין דעם: "עוֹלַם הָאֱמֶת", איז דאך שוין א פשוט'ע זאך וואס א יעדע בר דעת פארשטייט דאך שוין פון זיך אליין, נאר די עיקר צוויי טייטש'ן וואס טייטש'ט אפ די ווארט: "אֱמֶת" [וואס א יעדע יודיש קינד דארף וויסן] איז, צו לעבן מיט דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", און צו זיין דבוק אין זיין הייליגע: "תּוֹרַת אֱמֶת", און אויב טוסטו דאס, דעמאלט'ס ביזטו דאך טאקע ביי דעם ריכטיג'ן: "אֱמֶת".

און איינמאל דו ביזט שוין טאקע ביי דעם ריכטיג'ן: "אֱמֶת", דעמאלט'ס קענסטו שוין זיין ארום גענומען מיט סיי וועלכע היימישע סביבה עס זאל נאר זיין, ווייל די כלל איז, אז אויב מאכט מען אז דו זאלסט טראכטן פון דעם אייבערשטן ביי די פלאץ וואו דו געפונס'ט זיך, ביזטו דעמאלט'ס טאקע ביי דעם ריכטיג'ן: "אֱמֶת", און אויב מאכט מען אז דו זאלסט זיין דבוק אין דער הייליגער תורה הק' ביי די פלאץ וואו דו געפונס'ט זיך, ביזטו דעמאלט'ס טאקע ביי דעם ריכטיג'ן: "אֱמֶת", און אויב ברענגט מען דיר טאקע נענטער צום אייבערשטן ביי די פלאץ וואו דו געפונס'ט זיך, ביזטו דעמאלט'ס טאקע ביי דעם ריכטיג'ן:

"אֱמֶת", און אויב ווארימ'ט מען דיר אָן דיין הארץ מיט ווערטער פון: "יִרְאַת שָׁמַיִם", ביזטו דעמאלט'ס טאקע ביי דעם ריכטיג'ן: "אֱמֶת".

און דעמאלט'ס איז דאך שוין נישט קיין שום חילוק ווי אזוי דיין ישיבה רופט זיך, און דעמאלט'ס איז דאך שוין נישט קיין שום חילוק ווי אזוי דיין חסידות רופט זיך, זאל עס הייסן ווי אזוי עס הייסט, עס איז נישט קיין שום נפקא מינה, ווייל די עיקר איז דאך, אז מען ברענגט דיר דארט נענטער און נענטער צום הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת" און צו זיין הייליגער: "תּוֹרַת אֱמֶת", און אויב דיין סביבה מאכט אז דו זאלסט זיין נאנט צום אייבערשטן, ביזטו דאך דעמאלט'ס טאקע ביי דעם ריכטיג'ן: "אֱמֶת".

אבער אויב דיין סביבה מאכט ח"ו אז דו זאלסט ווערן אפ געריסן פון דעם אייבערשטן, דעמאלט'ס קענסטו זיך געפונען אין דעם שענסט'ן חסידות אויף דער וועלט און דו ביזט דעמאלט'ס אויך נישט ביים: "אֱמֶת", ווייל די ווארט: "אֱמֶת" קען דאך אויס דרוק'לעך נאר פאר רופן ווערן אויף א פלאץ וואס ברענגט דיר נענטער צום הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", און צו זיין הייליגער: "תּוֹרַת אֱמֶת".

און א מענטש דארף דאך טאקע שטענדיג געדענקען, אז א מענטש איז דאך נאר אראפ געקומען אויף דער וועלט כדי צו פראבירן אויף צו טוהן וויפיל ער קען, אבער איין שיינעם טאג וועט דאך נאך קומען די צייט וואס מען וועט מוזן צוריק גיין צום אייבערשטן, אזוי ווי מיר האבן דאך שוין טאקע פריער אראפ געברענגט די ווערטער פון די משנה אין אבות, אז: "עַל כָּרְחֲךָ אַתָּה נוֹצָר" – אז דו ווערס'ט באשאפן געצוואונגענערהייט, און: "וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה נוֹלָד" – און דו ווערס'ט געבוירן געצוואונגענערהייט, און: "וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי" – און דו לעבס'ט געצוואונגענערהייט, און: "וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה מֵת" – און דו שטארבס'ט געצוואונגענערהייט, און: "וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" – און דו וועסט אויך מוזן אפ געבן א דין וחשבון פארן גרויסן: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" וועט די צייט וועט קומען.

און דאס איז די ריכטיגע: "אֱמֶת", ווייל די ריכטיגע: "אֱמֶת" איז דאך, אז: "אֶהְיֶה מֵת" – אז איין טאג גיי איך זיין א: "מֵת" – אז איין טאג גיי איך זיין א טויט'ער, און די ריכטיגע אמת'ע וועג ווי אזוי מען דארף זיך צו גרייטן צום: "עוֹלָם הָאֱמֶת" איז דאך דורך דעם וואס מען גרייט זיך אָן מיט דברים "נצחיים" און מיט דברים "אמתיים" – מיט אמת'ע סחורה, און נישט מיט קיין פאלטש'ע סחורה, נאר מיט אמת'ע זאכן, און וואס איז אמת'ע זאכן..?!

די תירוץ אויף דעם איז, אז וואס הייסט וואס איז אמת'ע זאכן..?! מיר זאגן דאך שוין אלע ביי די ברכות התורה, אז: אֲשֶׁר נָתַן לָנוּ "תּוֹרַת אֱמֶת", און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע א יעדן טאג ביים דאווענען, אז: בָּרוּךְ הוּא אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים "וְנָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת", ווייל דער הייליגער תורה הק' איז דאך די אמת'ע: "אֱמֶת" וואס עס איז דאך נאר פארהאנען אויף דער וועלט, ווייל דאס קומט דאך גלייך פון דעם: "מְקוֹר" הָאֱמֶת – ווייל דאס קומט דאך גלייך פון דעם: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת", און אזוי ווי דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת", און צו די ווארט: "אֱמֶת" איז: "אַתָּה הוּא רִאשׁוֹן" – און צו די ווארט: "אֱמֶת" ביזטו דאך הייליגער באשעפער דער ערשט'ער אפ טייטש, און: "וְאַתָּה הוּא אַחֲרוֹן" – און דו ביזט דער לעצט'ער אפ טייטש צו דעם, (צוזאמען מיט דיין הייליגער תורה פארשטייט זיך), ווייל דאס איז דאך די אמת'ע: "אֱמֶת" וואס עס איז דאך נאר פארהאנען אויף דער וועלט.

און מיר געפונען דאך שוין טאקע אויך אין גאר אסאך ספרים הק' אזא סארט לשון, ווייל גאר אסאך מאל זעהט מען דאך אין די ספרים הק' א לשון אז דער מחבר שרייבט דארטן און דער פשט וואס איך האב דא יעצט געשריבן.. איז דאך ממש: "אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ" – צוויי מאל: "אֱמֶת", און דאס איז דאך: "אֱמֶת בְּתוֹךְ הָאֱמֶת", ווייל א יעדער איינער שרייט דאך שטענדיג אז ביי זיי איז דא די: "אֱמֶת", און עס קען טאקע זיין אז זיי זענען גערעכט, ווייל עס שטייט דאך שוין פון צדיקים, אז דער אייבערשטער ווייזט דאך שטענדיג

פאר א יעדע צדיק אז זיין וועג איז די אמת'ע וועג, אבער ועל כולם.. איז דאך אבער דא איין: "אֱמֶת" וואס איז: "אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ" – "אֱמֶת בְּתוֹךְ הָאֱמֶת", ווייל די ריכטיגע אמת'ע תכלית פון א מענטש אויף דער וועלט איז דאך נאר איין זאך, און דאס איז, צו זיין דבוק אין דער הייליגער: "תּוֹרַת אֱמֶת" וואס אין דעם: "תּוֹרַת אֱמֶת" ליגט דאך באהאלטן דער הייליגער: "יהו-ה אֱלֹקֵיכֶם אֱמֶת" וואס איז דאך די: "מְקוֹר הָאֱמֶת".

און דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "הַשֹּׁמֵר אֱמֶת לְעוֹלָם" – אז דער אייבערשטער היט דאך שטענדיג אפ דעם: "אֱמֶת", און נאר אזוי: "עֹשֶׂה מִשְׁפָּט לָעֲשׁוּקִים" – און נאר אזוי פירט ער א דורך משפטים, און דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "מִשְׁפְּטֵי יהו-ה אֱמֶת צָדְקוּ יַחְדָּו".

און וועלכע זאך איז: "אֱמֶת", און: "וְיַצִּיב" – און ריכטיג אוועק געשטעלט, און: "וְנָכוֹן" – און עס איז א ריכטיגע זאך, און: "וְקַיָּם" – און עס איז א אוועק געשטעלט'ע זאך, און: "וְיָשָׁר" – און עס איז א גלייכ'ע זאך, און: "וְנֶאֱמָן" – און עס איז א באגלייבט'ע זאך, און: "וְאָהוּב" – און עס איז א באליבט'ע זאך, און: "וְחָבִיב" – און עס איז גאר שטארק באליבט, און: "וְנֶחְמָד" – און עס איז גלוסטיג, און: "וְנָעִים" – און עס איז זיס, און: "וְנוֹרָא" – און עס איז אויך אמאל פארכטיג, [ווי למשל, ווען עס קומט אָן דעם הייליגן טאג פון "ראש השנה" וואס איז דאך א טאג פון: "אֱמֶת", אדער ווען עס קומט אָן דעם: "יוֹם הַדִּין" לאחר מאה ועשרים שנה], און: "וְאַדִּיר" – און עס איז שטארק, און: "וּמְתוּקָּן" – און עס איז א פאראכטענ'ע מסודר'דיגע זאך, און: "וּמְקֻבָּל" – און עס איז א אָן גענומענ'ע זאך, און: "וְטוֹב" און עס איז א גוטע זאך, און: "וְיָפֶה" – און עס איז א שיינע זאך..?!

דאס איז דאך: "הַדָּבָר הַזֶּה עָלֵינוּ לְעוֹלָם וָעֶד" – דאס איז דאך די זאך וואס ווערט אָן גערופן: "אֱמֶת", און די ווארט: "אֱמֶת" פאסט זיך דאך בעצם נאר צו דעם גרויסן הייליגן: "אֱלֹקֵי עוֹלָם מַלְכֵּנוּ צוּר יַעֲקֹב", אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע ווייטער דארטן [פאר שמונה עשרה], אז: "אֱמֶת וֶאֱמוּנָה" גייט דאך צוזאמען, און דאס איז דאך א: "חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר", ווייל די ווארט: "אֱמֶת" פאסט זיך דאך טאקע בעצם נאר פארן הייליגן באשעפער, אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע מבואר אין דעם הייליגן רמב"ם ביי די סוגיא פון דערמאנען "הגשמה" ביים אייבערשטן, [און מיר וועלן שוין אם ירצה השם שפעטער מער מאריך זיין בנוגע דעם רמב"ם ביי די תורה פון: "שָׁמֹר אֶת כָּל הַמִּצְוָה"], און די ווארט: "אֱמֶת" גייט דאך שטענדיג מיט מיטן הייליגן באשעפער, ווייל דער אייבערשטער איז דאך די מקור פון: "אֱמֶת", עד כדי כך.. אז עס שטייט דאך שוין אפילו אין חז"ל, אז: "חוֹתָמוֹ" שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא – אז די זיגל פון דעם הייליגן באשעפער איז דאך אויך די ווארט: "אֱמֶת".

און: "אֱמֶת אַשְׁרֵי אִישׁ" – און וואויל איז פאר א מענטש וואס פירט זיך: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", ווייל נאר אזוי וועט ער קענען זוכה זיין: "שֶׁיִּשְׁמַע לְמִצְוֹתֶיךָ וְתוֹרָתְךָ וּדְבָרְךָ יָשִׂים עַל לִבּוֹ" – ווייל נאר אזוי וועט ער קענען זוכה זיין צו זיין א ערליכע יוד, ווייל א ערליכע יוד גייט דאך שטענדיג נאר: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", און וועגן דעם טאקע ווערט א: "צַדִּיק" אָן גערופן א: צַדִּיק "אֱמֶת", און: "מֹשֶׁה אֱמֶת וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת", ווייל א: "צַדִּיק" פירט זיך דאך שטענדיג: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", און א: "צַדִּיק" איז דאך שטענדיג דבוק צום הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵינוּ אֱמֶת".

און דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז הייליגער באשעפער, איך זאג דיר קלאר, אז אויב: "דֶּרֶךְ שֶׁקֶר הָסֵר מִמֶּנִּי" – אז אויב נעמסטו אוועק פון מיר דעם שקר'דיגן וועג פון לעבן – אויב נעמסטו אוועק פון מיר דעם פאלטש'ן וועג פון לעבן, דעמאלט'ס: "וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי" – דעמאלט'ס וועל איך קענען קונה זיין דיין הייליגער תורה הק' און דורך דעם ווערן דבוק צו דיר, אבער אויב נישט, דעמאלט'ס וועל איך נישט קענען קונה זיין דיין הייליגער תורה הק', ווייל "תורה" מיט: "שֶׁקֶר" גייט דאך נישט צוזאמען, און תורה מיט קרומ'קייט גייט דאך אויך נישט צוזאמען.

און דער הייליגער סקולענ'ער רבי זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל פלעגט דאך טאקע שטענדיג נאך זאגן גאר א טייערווארט פון זיין הייליגן טאטן דער הייליגער בעל נועם אליעזר מסקוליען זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אז מיר זאגן דאך אלע א יעדן טאג ביים דאווענען די ווערטער: "וְחָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדָעַת" וכו', האט דער הייליגער סקולענ'ער רבי געזאגט, און די ווארט: "מֵאִתְּךָ" – איז דאך די זעלבע אותיות ווי די ווארט: "אֲמִתְּךָ", ווייל א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל איהם שטענדיג פירן: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", סיי ברוחניות, און סיי בגשמיות.

און: "אֱמֶת" – און אויב א מענטש פירט זיך: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", דעמאלט'ס: "מִמִּצְרַיִם גְּאַלְתָּנוּ" – דעמאלט'ס קען ער דורך דעם ווערן אויס געלייזט פון די גרעסטע "טומאה" וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט, און: "בֶּאֱמֶת" – און אויב א מענטש גייט: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", דעמאלט'ס: "לְעוֹלָם כִּי טוֹב" – דעמאלט'ס איז איהם שטענדיג גוט, און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע ביי תחנון, אז: "כִּי אֱמֶת עָשִׂיתָ" – אז דער אייבערשטער טוט דאך שטענדיג נאר אמת'ע זאכן, אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע ביי קידוש לבנה, אז: "פּוֹעֵל אֱמֶת שֶׁפְּעֻלָּתוֹ אֱמֶת", און: "וַאֲנַחְנוּ הִרְשָׁעְנוּ" – און מיר זענען די וואס טוען שלעכטע קרומ'ע זאכן.

און א יעדע יודישע מאמע זאגט דאך שוין טאקע בפירוש ביי די תפילה לאחר הדלקת נרות של שבת קודש, אז מען קען נאר זוכה זיין צו זיין: "יִרְאֵי אֱלֹקִים" ווען מען איז: "אַנְשֵׁי אֱמֶת" – אז מען קען נאר זוכה זיין צו זיין: "יִרְאֵי אֱלֹקִים" ווען מען איז א "אמת'ע מענטש", און ווען מען איז דבוק צום: "אֱמֶת", און נאר דעמאלט'ס קען מען זוכה זיין צו: "זֶרַע קֹדֶשׁ" – און נאר דעמאלט'ס קען מען זוכה זיין צו הייליגע קינדער וואס זענען: "בַּיהו-ה דְּבֵקִים" – וואס זענען דבוק צום אייבערשטן, און נישט צו די אלע שטותים וואס די וועלט פארקויפט, און נאר אזוי קען מען זוכה זיין צו זיין: "מְאִירִים אֶת הָעוֹלָם בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים" – און נאר אזוי קען מען זוכה זיין צו זיין א: "צַדִּיק אֱמֶת".

און דער הייליגער באשעפער האט דאך "פיינט" שקר, אזוי ווי דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז דער הייליגער באשעפער זאגט, אז: "כָּל אֹרַח שֶׁקֶר שָׂנֵאתִי" – אז א יעדע פאלטש'ע וועג האב איך פיינט, און דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך ווייטער אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "שֶׁקֶר שָׂנֵאתִי" – אז איך האב פיינט שקר, און נישט סתם פיינט, נאר: "וָאֲתַעֵבָה" – נאר איך בין גאר שטארק פאר מיאוס'ט פון דעם, אבער משא"כ: "תּוֹרָתְךָ" – אבער משא"כ דיין הייליגער תורה הק': "אָהָבְתִּי" – האב איך גאר שטארק ליב.

און די אמת איז דאך, אז א יעדע זאך וואס איז נאר נאנט צום אייבערשטן ווערט בא'טיטול'ט מיטן טיטול: "אֱמֶת", אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז די הייליגע נביאים ווערן דאך אויך בא'טיטול'ט מיטן טיטול: "נְבִיאֵי אֱמֶת", אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע בפירוש א יעדן שבת קודש אינדערפרי ביי די ברכות פון די הפטורות, אז דער אייבערשטער איז: בּוֹחֵר בַּתּוֹרָה וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ וּבְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ "וּבִנְבִיאֵי הָאֱמֶת" וָצֶדֶק.

ווייל.. יא, א יעדע זאך וואס איז נאר נאנט צום אייבערשטן ווערט בא'טיטול'ט מיטן טיטול: "אֱמֶת", און אויב דו וועסט זיך אויך צו קלעבן צום אייבערשטן, און דו וועסט זיין דבוק צום אייבערשטן, דעמאלט'ס וועסטו אויך ווערן אריין גערעכנט אין דעם חלק פון דעם: "תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב", און דו וועסט אפ געריסן ווערן פון דעם שקר, און עס וועט מקיום ווערן ביי דיר דעם: נֵצַח יִשְׂרָאֵל "לֹא יְשַׁקֵּר", און געדענק ר' יוד, אז.. יא, עס קען נאך געשעהן ביי דיר א נס אז: "וּפָרַח לוֹ אִישׁ הָאֱמֶת" – אז עס זאל אויס וואקסן פון דיר א: "אִישׁ אֱמֶת", און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע אויך א יעדן שבת קודש אינדערפרי ביי די ברכות פון די הפטורות, אז דער אייבערשטער איז דאך דער: "הַמְדַבֵּר וּמְקַיֵּם שֶׁכָּל דְּבָרָיו אֱמֶת וָצֶדֶק".

און דער הייליגער תנא: "רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל" זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך אין די משנה אין אבות, אז: "עַל שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הָעוֹלָם עוֹמֵד" – אז די וועלט שטייט אויף דריי זאכן, און די דריי זאכן זענען: 1)

עַל "הַדִּין", 2) און: "וְעַל הָאֱמֶת", 3) און: "וְעַל הַשָּׁלוֹם", אבער די "בריח התיכון" פון די קיום פון די וועלט איז דאך נאר איין זאך, און דאס איז: "אֱמֶת".

און אויב עס איז: "תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב" – און אויב פירט מען זיך: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", און מען געבט אריין אביסעל'ע: "אֱמֶת" אין דעם יודיש קינד, דעמאלט'ס: "אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב" – דעמאלט'ס איז שוין נישט דא פון וואס מורא צו האבן, און מען זעהט דאך שוין טאקע קלאר ביי יעקב אבינו, אז ווען יעקב אבינו האט אָן געהויבן צו שפירן אז: קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים וּמִכָּל "הָאֱמֶת" – אז ווען יעקב אבינו האט אָן געהויבן צו שפירן ביי זיך אז ער האט פארלוירן זיין "מידת האמת", האט ער דעמאלט'ס גלייך אָן געהויבן מורא צו האבן, און ער האט דעמאלט'ס גלייך געבעטן דעם הייליגן באשעפער, אז: "הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו" – אז איך בעט דיר ראטעווע מיר פון די האנט פון מיין ברודער עשיו, ווייל: "כִּי יָרֵא אָנֹכִי אֹתוֹ" – ווייל איך האב דאך מורא פון איהם, ווייל איך האב דאך פארלוירן מיין "מידת האמת", אזוי האט על כל פנים יעקב אבינו געשפירט ביי זיך, אז ער האט פארלוירן זיין הייליגע "מידת האמת".

און אויב מיר וועלן טאקע אלע גיין: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", דעמאלט'ס וועלן מיר טאקע אלע שפעטער קענען בעטן דעם הייליגן באשעפער, אז: "עֲנֵנִי" – ענטפער אונז: "בֶּאֱמֶת" – אין דעם זכות וואס מיר פירן זיך: "בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת", און אין דעם זכות זאלן מיר שוין טאקע בקרוב קענען זוכה זיין צו: "יִשְׁעֶךָ" – און אין דעם זכות זאלן מיר שוין טאקע בקרוב קענען זוכה זיין צו דיין גרויסע הילף הייליגער גרויסער טאטע אין הימל.

און מיר בעטן טאקע ווייטער דעם הייליגן באשעפער, אז: "הַכֶּר נָא דְּבַר אֱמֶת" – אז מיר זאלן שוין טאקע זוכה זיין צו קענען דערקענען אין דעם נידריג'ן וועלט וועלכע זאך געהערט צו דעם הייליגן: "יהו-ה אֱלֹקֵינוּ אֱמֶת", און וועלכע זאך נישט, ווייל נאר דורך: שְׁמִירַת "הַתּוֹרַת אֱמֶת", קען מען צו קומען צו זיין דבוק אין דעם: "יהו-ה אֱלֹקֵינוּ אֱמֶת", און נאר דורך: שְׁמִירַת "הַתּוֹרַת אֱמֶת", קען מען שפעטער צו קומען צו האבן א פנים אין דעם: "עוֹלָם הָאֱמֶת".

און ממילא דאס איז פשט אין דעם פסוק פון: "וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ" וגו', ווייל דער הייליגער באשעפער זאגט דיר דא אזוי, אז דו זאלסט וויסן ר' יוד, אז: "וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ" – אז עס וועט נאך קומען א טאג וואס דו וועסט אָן קומען: "אֶל הָאָרֶץ" – צו דער ערד, (פשוטו כמשמעו), וואס: "אֲשֶׁר יהו-ה אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ", און די פסוק זאגט דיר דא ווייטער, אז דו זאלסט וויסן ר' יוד, אז: "וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ" – אז דו וועסט זיצן אין איר, און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז דארטן וועסטו בלייבן "בקביעות".

און דאס קומט דאך אויף צו וועקן א מענטש, אז א מענטש זאל זיך נישט איין רעדן פאר קיין איין רגע, אז יא.. איך וועל דאך זיכער קיינמאל נישט שטארבן, ווייל איך האב דאך אזוי פיל געלט, און איך האב דאך אזוי פיל גרויסע בנינים אין די אלע גרויסע לענדער ארום די וועלט, און איך בין דאך אזא חשוב'ע מענטש, און איך האב דאך טויזנט'ער מענטשן וואס לעקן זיך צו מיר, נו.. זיי וועלן דאך אלע זיכער נישט צו לאזן אז מען זאל מיר אריין לייגן אין דער ערד און באגראבן, און ממילא.. איך האב זיך דאך זיכער נישט וואס צו זארגן, ווייל איך בין דאך די וועלט'ס גביר, און איך בין דאך איינער פון די חשוב'סטע מענטשן דא אין שטאט, און א יעדער איינער שטעלט זיך דאך אויף ווען איך קום אריין, ווייל דו האסט פארגעסן ווער איך בין..?! איך בין דאך די וועלט'ס גביר.

און בכלל.. די רגע וואס איך וועל ארויף קומען אויף יענע וועלט, וועלן דאך אלע אנטלויפן פון מיר, און א יעדער איינער וועט דאך דעמאלט'ס זיכער מאכן פלאץ פאר מיר, ווייל דער גרויסער באוואוסט'ער גביר קומט דאך דא צו גיין, נו.. אויב אזוי האב איך דאך זיכער נישט וואס מורא צו האבן, ווייל איך בין דאך די שטערקסט'ע פון א יעדעם איינעם, און איך בין דאך די גרעסטע פון א יעדעם איינעם, און איך בין דאך די

חשוב'סטע פון א יעדעם איינעם, און א יעדער איינער וועט דאך מיר זיכער גאר שטארק מכבד זיין אויבן אין הימל, און איך וועל דאך זיכער באקומען א פלאץ אין גן עדן לעבן די הייליגע "אבות ואימהות".

[און דער גביר מיינט נאך נעבעך אז אזוי וועט זיין אויבן אין הימל, ווייל דער גביר איז דאך נעבעך געוועו צו געוואוינט אלע זיינע יארן, אז ווען ער איז אריין געקומען אין דעם בית המדרש, האט זיך דעמאלט'ס א יעדער איינער אויף געשטעלט פאר איהם, און ממילא וועגן דעם מיינט ער נאך נעבעך אז נאך זיין פטירה וועט מען איהם עפעס אריין לייגן אין א שיינעם גאלדענעם קאסטן, און מען וועט איהם אוועק לייגן אין א גאלדענעם פאלאץ].

אבער ניין ניין ניין.. דא וועקט דיר די פסוק אויף, און די פסוק געבט דיר דא א זאג, אז ניין ר' גביר, האב נישט קיין טעות, און טראכט נישט אז דו וועסט זיין אנדערש, ווייל יא ר' יוד, עס גייט איין טאג געשעהן דעם: "וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ" וגו', און מען וועט דיר אריין לייגן אין דער ערד פונקט אזוי ווי א יעדעם איינעם, און: "וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ" – און דו וועסט זיצן דארטן "בקביעות", און דיין גאנצע פארמעגן וואס דו פארמאגס'ט וועט דיר גארנישט קענען העלפן דעמאלט'ס, קיין איין טראפ וועט דיר דאס נישט קענען העלפן.

ווייל חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז: "אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם כְּלוּם" – אז קיין שום זאך באגלייט דאך נישט דעם מענטש נאך זיין פטירה: "אֶלָּא מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" – נאר: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", און א מענטש האט דאך גארנישט פון זיינע אלע "תאות עולם הזה" נאך זיין פטירה.

ווייל אפילו ער איז געוועו אמאל א "העלד", און ער האט געלעבט פאר די "וועלט", און ער האט געהאט אסאך "געלט", און ער איז געוועו א מענטש צו "געשטעלט", און ער האט געהאט גאר גאר א שיינעם "געצעלט", און ער איז געוועו גוט אפ געהיטן פון "קעלט", און ער האט שטענדיג "געקוועלט", לייגט מען איהם אבער נאך אלץ אריין אין "פעלד", און דעמאלט'ס העלפט דאך איהם שוין בכלל נישט זיין גאנצע "געלט", ווייל נאר: "תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" ברענגט א מענטש מיט צוזאמען מיט זיך אויף יענע "וועלט" – אין עולם הבא.

און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע אויך, אז עס שטייט דאך שוין אין חז"ל, אז: "שֶׁקֶר אֵין לוֹ רַגְלַיִם" – אז: "שֶׁקֶר" האט נישט קיין "קיום", און די זעלבע איז דאך אויך בנוגע דעם ענין פון "הבלי עולם הזה" וואס ווערט דאך אויך אָן גערופן: "שֶׁקֶר" כידוע, ווייל דאס האט דאך אויך נישט קיין קיום.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די ווערטער פון: "שֶׁקֶר אֵין לוֹ רַגְלַיִם", ווייל די ווערטער: "**שֶׁ**קֶר **אֵ**ין **לוֹ**" – איז דאך ראשי תיבות: "אֵשֶׁל", און די ווארט: "אֵשֶׁל" – איז דאך ראשי תיבות: "**אֲ**כִילָה **שְׁ**תִיָּה **לִ**ינָה", ווייל.. יא, די אלע גשמיות'דיגע זאכן איז טאקע: "אֵין לוֹ רַגְלַיִם" – די אלע גשמיות'דיגע זאכן האט טאקע נישט קיין שום קיום.

און ווען א מענטש נעמט א מינוט פאר זיך, און ער מאכט זיך א חשבון, אז וואס וועט מיר שפעטער העלפן מיין אלע גאלדענ'ע ביזנעס'ער..?! וואס..?! איך האב דאך אזוי פיל געזארג'ט אומזיסט, איך האב דאך אזוי פיל טייערע צייט געווארפן אין מיסט, אבער פארוואס..?! פארוואס..?! פאר מיין געלט..?! געלט קען דען העלפן א מענטש ווען מען לייגט איהם אריין אין דער ערד: "לאחר מאה ועשרים שנה"..?! געלט קען נישט העלפן א מענטש, נאר פונקט פארקערט, געלט קען דיר דאך נאר חרוב מאכן, ווייל אויב האסטו געהאט געלט בשעת'ן לעבן, דעמאלט'ס וועט מען דאך דיר נאר "תובע" זיין אויבן אין הימל פארוואס דו האסט נישט געגעבן מער "צדקה", און מען וועט דיר דעמאלט'ס זאגן, אז ר' יוד..! דו ביזט דאך געוועו א גרויסע "בעל יכולת"..?! ניין..?! נו אויב אזוי פארוואס האסטו נישט געגעבן מער "צדקה"..?!

און ממילא "געלט" וועט דיר דאך נאר צו לייגן נאך א "תביעה" אויבן אין הימל, און מען וועט דיר דעמאלט'ס פרעגן קלאר און אפן, אז פארוואס האסטו נישט געגעבן מער "צדקה"..?! דו ביזט דאך געוועו

גאר א גרויסע גביר ר' יוד..?! און וואס וועסטו דעמאלט'ס ענטפער'ן..?! און ממילא עס לוינט זיך נישט צו זיין גאר א גרויסע גביר, ווייל דאס וועט דאך דיר נאר זיין א גרויסע קאפ ווייי אויפן: "עוֹלָם הָאֱמֶת".

אבער על כל פנים.. א מענטש נעמט דאך נישט מיט זיין געלט צוזאמען מיט זיך: "לאחר מאה ועשרים שנה", ווייל די איינציג'סטע זאך וואס א מענטש נעמט מיט צוזאמען מיט זיך: "לאחר מאה ועשרים שנה" איז דאך נאר: "תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", און וואס נעמט דען א מענטש מיט צוזאמען מיט זיך אין קבר..?! וואס..?! א מענטש נעמט נאר מיט צוזאמען מיט זיך אין קבר צוויי זאכן, און די צוויי זאכן זענען: 1) א: "טַלִּית", 2) און: "תַּכְרִיכִין", און די ווארט: "תַּכְרִיכִין" – איז דאך טאקע גימטריא: "אָז שָׁבַת" – דעמאלט'ס רועט מען זיך שוין גוט גוט אפ פאר אייביג, און דעמאלט'ס איז דאך שוין טאקע דא א אמת'ע "שביתה", ווייל איינמאל מען האט שוין אָן געטוהן די: "תַּכְרִיכִין", דעמאלט'ס רועט מען זיך דאך שוין אפ פאר אייביג פון די שווערע: "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד".

אבער וואס איז די איינציג'סטע זאך וואס א מענטש נעמט מיט אין קבר חוץ פון די סארט בגד וואס הייסט: "תַּכְרִיכִין"..?! דאס איז דאך א: "טַלִּית", און די ווארט: "טַלִּית" – איז דאך גימטריא: "תֵּן" – געב [מיטן כולל], ווייל יא ר' יוד, נאר דאס ביסעל'ע: "גְּמִילוּת חֲסָדִים" און נאר דאס ביסעל'ע: "צְדָקָה" וואס דו האסט געגעבן בשעת'ן לעבן פאר יודישע קינדער וועסטו קענען מיט נעמען צוזאמען מיט דיר: "לאחר מאה ועשרים שנה", דיינע: "מַעֲשֵׂי יָדָיו"..! דאס וועסטו מיט נעמען מיט דיר: "לאחר מאה ועשרים שנה", און דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "מַעֲשֵׂי יָדָיו" – אז די מעשים טובים פון א מענטש, דאס איז: "אֱמֶת", ווייל דאס בלייבט דאך מיט דעם מענטש אפילו: "לאחר מאה ועשרים שנה".

און די ווארט: "טַלִּית" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "טוֹב" [במספר קטן], און מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז חז"ל זאגן דאך אונז שוין אז: "אֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה", און אין דעם ווארט: "טַלִּית" ליגט דאך באהאלטן א מורא'דיגע טיפע כוונה, אז וואס..?! אז די איינציג'סטע זאך וואס א מענטש נעמט מיט צוזאמען מיט זיך אויף יענע וועלט איז, דאס: "טַלִּית" – דאס ביסעל'ע: "תּוֹרָה" וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וואס ער האט זוכה געווען אריין צו כאפן אויף דער וועלט.

און די ווארט: "טַלִּית" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "מִי נֵר", ווייל אויב וועסטו פרעגן אז: "מִי" – אז ווער איז חשוב אויבן אין הימל..?! איז די תירוץ אויף דעם, אז: "נֵר" – אז דער: "נֵר יהו-ה נִשְׁמַת אָדָם" איז חשוב אויבן אין הימל, און די "נשמה" איז די איינציג'סטע זאך וואס האט א "חשיבות" אויבן אין הימל, און ממילא אויב האסטו געגעבן צו עסן פאר דיין נשמה אביסעל'ע תורה א יעדן טאג, און דו האסט איהם אָן געטוהן מיט שיינע: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", דעמאלט'ס וועט מען מכבד זיין דיין נשמה ווען זי וועט ארויף קומען אויף יענע וועלט, אבער אויב האסטו איר געלאזט אויס הונגער'ן אויף דער וועלט, און דו האסט פארשעמט דיין נשמה אויף דער וועלט, און דו האסט איר נישט געגעבן קיין געהעריגע קליידער אָן צו טוהן וואס דאס איז: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", דעמאלט'ס וועט דאך קיינער נישט ווען קוקען אויף דיר אויבן אין הימל, און די "בושה" וועט דאך דעמאלט'ס זיין געוואלדיג גרויס.

און דער הייליגער אור החיים הקדוש זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין פרשת ואתחנן אויף דעם פסוק פון: וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם "וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ" וגו', אז דורך דעם וואס א מענטש געדענקט דעם: "הַיּוֹם" – אז דורך דעם וואס א מענטש געדענקט דעם: "יוֹם הַמִּיתָה" – דעם לעצט'ן טאג פון זיין לעבן, דורך דעם וועט ער קענען זוכה זיין צו: "וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ" – דורך דעם וועט ער קענען זוכה זיין "תשובה" צו טוהן בלב שלם, ווייל ער וועט דאך שטענדיג געדענקען דעם געדאנק טאקע, אז איך בלייב עפעס דא אויף דער וועלט פאר אייביג..?! בכלל נישט, איך בין דאך נישט מער ווי א: "בָּשָׂר וָדָם"..?!

און: "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה" – און א מענטש לעבט דאך נישט מער ווי "זיבעציג" יאר, און: "וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה" – און אויב איז ער פון די שטארקע מענטשן, דעמאלט'ס לעבט ער "אכציג" יאר,

אבער סוף כל סוף גייט דאך א יעדער איינער צוריק צום אייבערשטן, און אויב מען לעבט נישט אויף אייביג, דעמאלט'ס דארף איך זיך דאך שוין אָן גרייטן אָן געפילט'ע זעק מיט: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", ווייל דאס איז דאך די איינציג'סטע זאך וואס איך וועל קענען מיט נעמען מיט מיר אין "עולם הבא".

און די אמת איז דאך, אז געלט לייגט דאך א מענטש אין דער ערד, ווייל אויב א מענטש האט צו פיל געלט, דעמאלט'ס קען ער דאך נאך ח"ו פארלירן זיין ריינע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן באשעפער, און ער קען דאך נאך דעמאלט'ס ח"ו אָן הייבן צו מיינען אז: "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה", און ער קען דאך נאך שפעטער אראפווארפן פון זיך דעם: "עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם" מרוב עשירות, אזוי ווי די פסוק זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין פרשת האזינו (קפיטל ל"ב פסוק ט"ו), אז: "וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט" – אז ווען א יודיש קינד האט צו פיל גשמיות, דעמאלט'ס קען ער דאך נאך ח"ו צו קומען בועט צו זיין אין דעם הייליגן באשעפער, ווייל.. יא, ווען א מענטש זעטיגט זיך אָן מיט אסאך "גשמיות", דעמאלט'ס קען ער דאך נאך ח"ו צו קומען שפעטער אראפ צו ווארפן פון זיך דעם: "עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם", ווייל דאס פאסירט ווען א מענטש פארמאגט צו פיל געלט.

און וועגן דעם טאקע האט דער אייבערשטער געזאגט אז: "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" – און וועגן דעם טאקע האט דער אייבערשטער געזאגט אז אויף דער וועלט באקומט מען נישט קיין שכר, ווייל אויב דער אייבערשטער וואלט אָן געהויבן צו באצאלן פאר די: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" אויף דער וועלט, און דער אייבערשטער וואלט באצאלט פאר א יעדעם איינעם די ווערד פון די: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" אויף דער וועלט, דעמאלט'ס וואלטן דאך די יודישע קינדער געווארן אזוי רייך.. אז זיי וואלטן דאס פשוט נישט געקענט אויס האלטן, און עס וואלט דעמאלט'ס ח"ו געווארן א: "וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט" – כלל ישראל וואלט אָן געהויבן צו שטויסן אין דעם אייבערשטן ח"ו, ווייל דאס פאסירט ווען מען האט צו פיל געלט, און ממילא וועגן דעם האט דער אייבערשטער געזאגט אז: "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" – אז אויף דער וועלט באקומט מען נישט קיין שכר, ווייל געלט שטופט דאך נאר אראפ א מענטש צו די נידריג'סטע "שאול תחתית" [אויב מען האט איבער די מאס, און מען נוצט דאס נישט ווי עס דארף צו זיין].

און א מענטש דארף זיך דאך גוט צו גרייטן צו יענעם גרויסן טאג וואס ער וועט ארויף קומען אויבן אין הימל און אפ געבן א פונקטליכ'ע: "דִּין וְחֶשְׁבּוֹן" אויף אלע זיינע מעשים, כדי אז ער זאל טאקע האבן מיט זיך אָן געפילט'ע זעק מיט: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", ווייל אויב קומט ער ארויף אויף יענע וועלט מיט ליידיגע הענט, דעמאלט'ס וועט ער דאך ליידן גאר גרויסע "בזיונות" פון די אלע צדיקים וואס זיצן דארטן אויבן אין הימל, ווייל א יעדער איינער פון זיי וועט דאך האבן דאס ביסל תורה וואס ער האט געהאט געלערנט אויף דער וועלט, און דורך זיין תורה וואס ער האט געהאט געלערנט אויף דער וועלט, וועט ער דאך קענען נהנה זיין: "מִזִּיו הַשְּׁכִינָה", אבער אויב ער וועט זיך נישט אָן גרייטן פון פריער אביסעל'ע: "תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", דעמאלט'ס וועט ער דאך נישט האבן דאס ביסל תורה וואס מען דארף האבן אויף יענע וועלט כדי צו קענען האבן צו עסן דארטן.

ווייל עס שטייט דאך שוין פון צדיקים, אז דער הייליגער תורה הק' איז דאך די "עסן" פון א יודיש קינד אויף יענע וועלט, און ממילא וועגן דעם מוז מען דאך דאס זעהן אָן צו גרייטן פון פריער, און די זעלבע זאך איז דאך אויך מיט "מצוות", ווייל עס שטייט דאך שוין אויך פון צדיקים, אז די מצוות וואס א מענטש האט זוכה געווען צו טוהן אויף דער וועלט זענען דאך זיינע קליידער אויף יענע וועלט, און די פָּאר זאכן וועט מען דאך מוזן האבן אויבן אין הימל, און ממילא וועגן דעם דארף מען דאך דאס זעהן אָן צו גרייטן פון פריער – אויף דער וועלט.

און א יעדע קליינע פעולה לטובה וואס א יודיש קינד טוט כדי קונה צו זיין אביסעל'ע: "תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים".. איז די אמת'ע: "אֱמֶת", און דאס איז די ריכטיגע אמת'ע סחורה וואס עס איז נאר שייך,

ווייל די אמת'ע: "אֱמֶת" איז דאך, אז: "אֱ.. מֶת" – אז: "אֶהְיֶה מֵת" – אז איין טאג גיי איך זיין א טויט'ער, און ממילא וועגן דעם מוז איך זיך דאך שוין יעצט אָן גרייטן אביסעל'ע: "תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם" וגו', ווייל די ווערטער: "הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלוֹת מִצְרָיִם" – איז דאך סופי תיבות: "אֱמֶת מֵת" – אז די אמת'ע: "אֱמֶת" איז, אז איין טאג גיי איך זיין א טויט'ער, ווייל דאס איז דאך למעשה די אמת'ע: "אֱמֶת", אז וואס..?! אז איין טאג גיי איך זיין א: "מֵת" – אז איין טאג גיי איך זיין א טויט'ער, און.. יא, דאס גייט דאך איין טאג געשעהן, ווייל דאס איז דאך די סדר העולם, און אזוי גייט דאס דאך, אז: "דור בא ודור הולך" – אז א דור קומט, און א דור גייט.

און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע א יעדן טאג פאר דעם הייליגן באשעפער ביי די ברכה פון: "אֱלֹקַי נְשָׁמָה" וכו', אז: "וְאַתָּה עָתִיד לִטְּלָהּ מִמֶּנִּי" – אז עס גייט דאך איין טאג אָן קומען די טאג וואס דו גייסט צו נעמען פון מיר מיין הייליגע נשמה, און די ווערטער: "וְאַתָּה עָתִיד לִטְּלָהּ מִמֶּנִּי" – איז דאך ראשי תיבות: "עוֹלָם", ווייל.. יא, עס איז דאך דא נאך א וועלט, ווייל מיר זענען דאך אלע יודישע קינדער, און מיר גלייבן דאך אלע אז עס איז דאך דא אזא זאך ווי: "עוֹלָם הַבָּא", און אזוי גייט דאך די סדר פון דער וועלט, אז מען גייט אריין פון איין: "עוֹלָם" צום אנדער'ן: "עוֹלָם" – פון: "עוֹלָם הַזֶּה" צו: "עוֹלָם הַבָּא", און ווען וועט דאס געשעהן..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז דאס וועט געשעהן ווען די צייט וועט קומען, אבער א מענטש דארף זיך אבער שטענדיג צו גרייטן צו דעם טאג, ווייל חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז: "שוב יום אחד לפני מיתתך" – אז א מענטש דארף דאך א יעדן טאג תשובה טוהן פון דאס ניי, ווייל אפשר איז היינט די לעצטע טאג פון זיין לעבן.

און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך פון איינער פון די פריער'דיגע צדיקים, אז זיי פלעגן זיך פירן גאר א הייליגע הנהגה, און דאס איז, אז גלייך ווען זיי זענען אויף געשטאנען אינדערפרי, האבן זיי דעמאלט'ס גלייך געגעבן א קוק אויף אלע זייערע חפצים וואס זענען געווען ארום זייער בעט, און זיי האבן דעמאלט'ס גלייך געטראכט צו זיך, אז דאס אלעס גייט דאך איין טאג איבער בלייבן פון מיר, ווייל.. ניין: "לא ירד אחריו כבודו" – א מענטש נעמט דאך גארנישט מיט צוזאמען מיט זיך לאחר מאה ועשרים שנה, און קיין שום חפץ גייט דאך נישט מיט צוזאמען מיט דעם מענטש נאך די הונדערט און צוואנציג יאר.

און א מענטש דארף דאך טאקע שטענדיג גוט געדענקען די הייליגע ווערטער וואס עס ווערט דערמאנט אין די וואכעדיגע פרשה, ווייל דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין די וואכעדיגע פרשה, אז איין טאג וועט דאך נאך זיין: "וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל הָאָרֶץ" – אז איין טאג וועט דאך נאך מקיום ווערן די ווערטער וואס דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר אדם הראשון אין פרשת בראשית (קפיטל ג' פסוק י"ט) אז: "כִּי עָפָר אַתָּה וְאֶל עָפָר תָּשׁוּב", און קיין שום זאך וועט דאך נישט איבער בלייבן פון דעם מענטש נאך זיין פטירה, ווייל קיין שום זאך בלייבט דאך נישט איבער פון קיין שום מענטש נאך זיין פטירה חוץ פון די: "תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" וואס דער מענטש האט מקיים געווען, און ממילא וועגן דעם דארף זיך טאקע א מענטש גאר שטארק אָן כאפן אין דעם הייליגן: "תּוֹרַת אֱמֶת" און פראבירן מקיים צו זיין: "תּוֹרָה וּמִצְוֹת" וויפיל ער קען נאר, ווייל: "כָּל זְמַן שֶׁהַנְּשָׁמָה בְּקִרְבִּי" קען מען נאך אריין כאפן: "תּוֹרָה וּמִצְוֹת".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל הָאָרֶץ" וגו', ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל הָאָרֶץ" – איז דאך גימטריא: "אֶחָד", און דאס מיינט צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז די סיבה פארוואס עס גייט איין טאג געשעהן דעם: "וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל הָאָרֶץ" איז, ווייל א יעדער איינער מוז דאך סוף כל סוף איין טאג צוריק גיין צו דעם: "אֶחָד" אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ, און א יעדער איינער מוז דאך סוף כל סוף איין טאג צוריק גיין צו דעם: "אֶחָד" יָחִיד וּמְיוּחָד, און אויף דעם חשבון זענען מיר דאך אלע אראפ געקומען אויף דער וועלט, ווייל מיר זענען דאך

אלע אראפ געקומען אויף דער וועלט צו טוהן: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" כדי אז מיר זאלן שפעטער קענען אריין גיין אין דעם: "עוֹלָם שֶׁכֻּלוֹ טוֹב" און נהנה זיין: "מִזִּיו הַשְּׁכִינָה".

און ווען א מענטש האלט טאקע שטענדיג פאר זיינע אויגן וואס די משנה זאגט אונז אין מסכת אבות אז: "דַּע מֵאַיִן בָּאתָ וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דעמאלט'ס האט ער א גליקלעכ'ע לעבן, ווייל ער ווייסט דאך שטענדיג ביי זיך, אז ער לעבט דאך מיט א אמת'ע תכלית אויף דער וועלט, און ער ווייסט דאך שטענדיג ביי זיך, אז.. יא, דאס איז די אמת'ע מציאות, ווייל איך וועל דאך נאך איין טאג דארפן צוריק געבן מיין הייליגע נשמה פארן הייליגן באשעפער, און איך וויל דאך נישט אז מיין נשמה זאל צוריק גיין אין די האנט פון דעם הייליגן באשעפער אינגאנצן פאר שמירט און פאר פלעקט.

און ממילא וועגן דעם וועל איך שטענדיג געדענקען דעם הייליגן געדאנק פון: "וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל הָאָרֶץ" – און ממילא וועגן דעם וועל איך שטענדיג געדענקען דעם הייליגן געדאנק אז איך וועל דאך נאך איין טאג מוזן צוריק גיין צו דעם גרויסן: "אֶחָד" יָחִיד וּמְיוּחָד, און איך האף נאר אז איך וועל טאקע קענען זאגן דעמאלט'ס פארן הייליגן באשעפער אז "איך האב אויס געפירט מיין הייליגע שליחות וואס דו האסט מיר געהייסן אויס פירן", ווייל: "שָׁמַעְתִּי בְּקוֹל יהו-ה אֱלֹקָי", און: "עָשִׂיתִי כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתָנִי":

**תם ולא נשלם! שבח ושירה לא–ל אשר שבת ברא!**

**יצא לאור לזכר נשמת מרן רבינו ישראל אברהם בן אליעזר זוסיא זצוק"ל.**

**ולז"נ זקני הרב ר' יצחק בן יונה ז"ל**

(לקבלת הגליון שלח למייל: skulennigun@gmail.com).